STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04788

DI LIPN FUN MAYN TROYER

M. M. Shaffir

Permanent preservation of this book was made possible
by Mr. & Mrs. Gabriel Berk

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פונעם אייגענעם מחבר*

א סטעזשקע (לידער), מאָנטרעאַל, 1940
איך קום אַהיים (לידער), מאָנטרעאַל, 1963
אויף מיין פידעלע ליד (לידער), מאָנטרעאַל, 1966
דער שטערן־וואָגן (לידער), מאָנטרעאַל, 1968
א רגע דאַכטעניש (לידער), מאָנטרעאַל, 1969
בורא־מיני־חלומות (לידער), מאָנטרעאַל, 1971
מיט דער לידער־טאָרבע (לידער), מאָנטרעאַל, 1973
אין מיין געפאַלנקייט (לידער), ניו־יאָרק, 1975
מיט צונעגרייטע רייד (לידער), ניו־יאָרק, 1977
די פלייט פון מיינע ביינער (לידער), מאָנטרעאַל 1978

מ. מ. שאַפּיר

די ליפּן פון מיין טרויער

מאָנטרעאָל, 1979
Printed in Canada

M. M. SHAFFIR

DEE LIPN FOON MINE TROYER
(The lips of my sadness)

POEMS

This publication was made possible by a grant from the Minister of Multiculturalism (Ottawa), for which I express my deepest appreciation.

M. M. Shaffir (Schachter)

א האַרציקן דאַנק דעם ח' לוי מיהלשטאַק,
פאַר דער צייכענונג אויפן טעוועלע

די ליפּן פון מיין טרויער

כ׳בין געוואָרן אַזוי ווי אַ ווערעוריק

כ׳בין געוואָרן אַזוי ווי אַ ווערעוריק —
אַז אַ ניסעלע פאַלט פון אַ צווייג,
לויף איך צו און איך לעק עס און וואַש עס.
און איך גיב אים אַ קוש, און איך שווייג.

כ׳האָב ניסלעך אָנגעקליבן
אַ אוצרל, אַ גאַנצם.
נאָך איטלעכן פרישן ניסל
— ווען איך שעם מיך ניט — גיי איך אַ טאַנץ.

נאָר וואָס וועלן לייטן זאָגן?
משוגע, מטורף — אַהאַ!
ווי קען עס אַ מענטש גאָר טאַנצן
אין אַ פינצטערער צייט אַזאַ ?

איז טאַנצט זיך מיר נישט טאַקע,
עלעהיי כ׳זאָל, חלילה, זיין קראַנק.
איך הייב אויף די הענט צו די הייכן
און איך זאָג נאָר פשוט: אַ דאַנק.

אין דער הייל פון מיין טרויער

כ'בין אריין אין דער הייל פון מיין טרויער,
ווו קיינער זעט מיך ניט.
א הירש איז מיר נאכגעלאפן,
מיט ווונדן אין די טריט.

ר'האט זיך אראפגעלאזן
אין א ווינקל, הארט ביי דער וואנט.
די קרוין פון זיינע הערנער
האט געציטערט נאכאנאנד.

כ'בין צוגעגאנגען נענטער —
מיר האבן זיך ביידע דערקענט;
כ'האב אים ארומגענומען
מיט גלעטנדיקע הענט.

כ'האב באוואונדערט זיינע אויגן —
ווי מילד זיי זענען, ווי גוט.
פון זיינע אפענע ווונדן
האט שטיל געקאפעט בלוט.

כ'האב געהערט געפייף פון יעגערס,
כ'האב געהערט געביל פון הינט ——
און געזען, ווי פון הינטער א כמארע,
ווי בלוט אין ריטשקעלעך רינט.

ער האָט זיך צו מיר געטוליעט,
ביז זיין קאָפּ האָט דערלאַנגט אַ פאַל.
אין די גוטע, האַלב אָפענע אויגן
ט׳זיך געלאָשן אַ לעצטער שטראַל.

כ׳האָב נישט צוגענומען די אויגן
פון זיין ליכטיקער הערנערקרוין . . .
איך טו זי מיר אָן אין חלום,
אין דאַכטיקן היכל, וווּ כ׳וווין.

און גיי איך אַרויס פונעם חלום —
דערהער איך יעגער־געשריי
און הינטגעביל — און איך ווייס נישט
ווי אַזוי מ׳אַנטלויפט פון זיי.

נאָר די הייל פון מיין טרויער איז אָפן,
און נעמט מיך אַריין אין זיך.
מיין מנורה, די הערנערקרוין פלאַטערט
מיט זיבן ליכטיקע ליכט.

דער פאַסטעך גייט אום און יאָמערט

דער פאַסטעך גייט אום און יאָמערט —
ער געפינט זיך נישט קיין רו;
ר׳האָט פאַרלוירן דאָס ווערבע־פייפל
אין פוסטע וועלדער ווו.

אַט טונקלט אַן דער אָוונט,
די זון וועט באַלד פאַרגיין.
דאָס קישעלע מאַך וועט פאַרזאַפּן
זיין טרער, זיין פאַרשטיקט געוויין.

ער הערט, ווי דאָס פייפעלע רופט אים,
קען זיין, אַז ס'איז נאָר אַ געדאַכט.
דאָס פייפעלע ליגט פאַרחלשט
ערגעץ טיף אויפן דנאָ פון דער נאַכט.

„איך וועל עס נישט איבערלעבן —
לעב איבער, פייפל,מיך דו . . . ״
די שעפּעלעך זוכן דעם פאַסטעך,
וואָס קען נישט געפינען קיין רו.

ווי נישט איז, פאַרפּרייַלעכט דאָס לעבן
מיט אַ זיפץ, מיט אַן אומעטיק ליד — — — —
אַ פאַסטעך ט'פאַרלוירן זיין פייפל,
און די זון פאַרגייט שוין מיד.

פון אַן אומעטיק ליד ווערט גרינגער —
אַ טשיזשיק פלעג האַלטן אַ טאָן
און אים שענקען וווּנדערטרעלן,
ווי צו ווייזן, וואָס ער קאָן.

די שייבעלעך בעלמען זיך איבער,
אַ גראַלעכקייט דעקט זיי צו.
אַ פאַסטעך ט'פאַרלוירן זיין פייפל
אין פוסטע וועלדער ווו.

עמעצער האָט זיך מיט מיר געראַנגלט

עמעצער האָט זיך מיט מיר געראַנגלט,
נאָר איך האָב זיין פּנים נישט געזען.
ס'איז מסתמא אין אַ מיטן חלום
אויפן אָפּגרונט פון דער נאַכט געווען.

עמעצער האָט זיך מיט מיר געראַנגלט,
נאָר איך האָב דאָס קול זיינס נישט געהערט —
ס'איז געווען, כ'געדענק שוין באַלד אַליין נישט,
העט אַ מאָל און אויף אַ ווייטער ערד.

איך געדענק נישט, וואָס ר'האָט מיר באַפוילן,
נאָר כ'געדענק די אומרו אין זיין וואָרט —
וואָס זשע מאַטערט מיך אַזוי אַן אומער
זינט פון יענער שעה און יענעם אָרט?

איך בין נישט אַרויס פון דעם געראַנגל
מיט קיין קראַנקן, אָפּגערוקטן גליד —
וואָס זשע גיי איך אום אַן אָפּגערוקטער,
מיט צעבראָכנקייט אין מיין געמיט?

עמעצער האָט זיך מיט מיר געראַנגלט,
ווו די נאַכט נעמט אָפּגיין פאַרן טאָג —
וואָס זשע גיי איך אום אַזוי געפאַלן,
ווי כ'וואָלט אייביק עמעצן באַקלאָגט?

כ׳הייב אויף די הענט צו גאָט

כ׳הייב אויף די הענט צו גאָט,
נאָר וואָס זאָל איך אים זאָגן?
אויף וועלכער לייד
זאָל איך מיך פאַר אים קלאָגן?

אנגסטיקע געשרייען נייען אויף
פון אַלע תהומיקייטן.
צווישן אַזעלכע גוואַלדגעשרייען —
ווי זאָל מיין תפילה אירע פליגל צעשפּרייטן?

ווי אין מידבר־זאַמדן
זינקען מיינע טרערן —
ווער וועט דאָ מיין פּיין דערזען
און מיך דערהערן ?

ווער וועט צו מיר נידערן
די לעכער פון מיין האַרץ פאַרהיילן ?
געפינט זיך נאָך אַ פאַרטייעטער ניסתר
ערגעץ אין פאַרהוילענע הײלן ?

כ׳הייב אויף די הענט צו גאָט —
איך וויל אים פרעגן:
זענען נאָך ערגעץ פאַראַן אויף דער וועלט
שטילע, פרידלעכע וועגן ?

כ׳הייב אויף די הענט צו גאָט —
כ׳וויל אים בעטן,
ער זאָל צעוואָרפן מיין חומר
און מיך איבערקנעטן.

זאָל ער מאַכן פון מיר אַ דומם,
אַ שטיין צווישן שטיינער —
די רעגנס מיט די ווינטן וועלן מיר לעשן
די אייביקע בראַנד אין די ביינער.

אין גאָטס אַ הויז

איך גיי ארום אין אַן אָפּענעם וואַלד,
אין גאָטס אַ הויז,
די בענקשאַפט אָטעמט אָפּ
אין דער שיינקייט, וואָס איז איידל,
אין דער שטילקייט,
וואָס ריזלט פונעם מאָך ארויס.

איך הער גאָטס געשעפּטשע
אינעם שאָרך פון די גראָזן —
ווי דורך אַ דינער, גלעזערנער פּלייט,
איך הער עס אויך אין די פיר איילן פון מיין עלנטקייט.
עמעץ דאַוונט אין מיר אי דאָ, אי דאָרט,
אַן אַ וואָרט.

מיין הארץ איז אַ נעסט,
וווּ סע ווײַנען פֿייגעלעך
נאָך דער מאַמען,
וואָס איז נישט צוריקגעקומען
פֿון איר געיעג נאָך קעסט.

אַ בוים נעמט מיך אַרײַן
אין זײַן גרינעם טלית.
אַזוי ווי דער בוים,
רעד איך נישט צו גאָט דורך קיין סידור.
די תּפֿילה
קוואַליקט אַרויס פֿון מיר אַ שטילע —
זי וויל דערגרייכן
פֿון דער נידער
צו די ליכטיקסטע הייכן.

ליכטיק וואָלקנלעמעלע,
וואָס דו וואָגלסט הויך איבער מיר —
נעם אַרײַן מײַן תּפֿילה צו דיר,
אין דײַן שוים.
מײַן תּפֿילה איז פֿאַרמאַטערט —
פֿלי מיט איר און פֿלאַטער
פֿון דער נידער אַרויס —
אפֿשר וועט איר דערצאַפּלען
צו די כּיסא־הכּבֿוד־שטאַפּלען.

איך רייס מיך אַפּ

איך רייס מיך אַפּ פון גראָבן, טאָגעדיקן שטריק —
און פלי צום חלום־לאַנד צוריק.

פון דאָרט האָב איך אַ מאָל געמוזט אַוועק.
מיך יאָגט צוריק די טאָגעדיקע שרעק.

דער טאָגעדיקער שטריק איז גראָב און שווער —
ער פירט דיך, ווי מע פירט אַן אַלטן בער.

דעם חלומס דינער פאָדעם זייד,
וואָס ס׳לאַכן פון אים קלוגע לייט —

איז שטאַרקער פונעם שטאַרקסטן שטריק
און פירט מיך איבער תהומען ווי אַ בריק.

פון דינסטע פעדעם איז די בריק געוועבט;
זי שלעפּט ניט האָמעטנע — זי פליט מיט מיר, זי שוועבט.

פון קלעפּעדיקער סמאָלע רייס איך אַפּ די טריט —
אַ בלאָע פאַווע פליט פאַרביי און נעמט מיך מיט.

איך ריר איר אָן אַ פליגל, מיט אַ ציטערדיקער האַנט —
און זי פאַרפליט מיט מיר צו איר אין חלום־לאַנד.

זי פלאַטערט ווייט אַוועק, נאָר ציט נישט צו קיין הייד —
כ׳האָב באַלד דאָס שעפּטשען פון מיין חלום־טאָל
דערגרייכט . . .

קאַשמאַר

ס'האָט זיך מיר געחלומט,
ווי סע יאָגט זיך גלייך אויף מיר
אַ פּאָלק שטאָפּעטן —
צו די בליציקע באַגנעטן
זענען צוגעטשעפּעט טיכלעך,
ווייסע ווי די שנייען,
און סע רינען ריטשקעס בלוט אויף זיי, און
גליווערן אין פּליאַמעס.
כ'קען נישטשרייען „מאַמע!",
כ'קען די פּיס פון אָרט נישט רייסן.
נאָך אַ רגע —
שטעכן זיי מיך דורך מיט די באַגנעטן־אייזנס.

פּלוצעם
הייבן אָן די טיכלעך פלאַקערדיק צו ברענען
און די לויפערס
נעמען איינס דאָס צווייטע אונטערצינדן —
און דאָס בילד נעמט שווינדן.

באַלד ט'זיך ווידער מיר געחלומט,
ווי סע לאָזט זיך גלייך אויף מיר אַ ראָטע ריזן:
אויף די שפּיזן —
פאָנען ווייסע ווי די שנייען,
און אַרויפגעטשעפּעט
קינדערישע קעפּלעך.
אַלע פּיסקלעך זענען אויפגעריסן —

און מע הערט נישט קיין געשרייען
און פון די פארמאכטע אויגן
רינען ריטשקעס בלוט, נישט טרערן.
און מע קען נישט הערן
קיין געוויינען.

כ׳זוך א פותר חלום, ר׳זאל מיר זאגן
וואס די צוויי חלומות מיינע מיינען.

אז אזוי פיל הערצער

אז אזוי פיל הערצער ברענען,
און ווערן נישט פארברענט;
אז צו גאט אין די הייכן
הייבן זיך אזוי פיל בעטנדיקע הענט;
אז ביי דער נאז פונעם לעצטן ניסתר
איז שוין שטיל די פעדער —
ער האט שוין אויסגעגוססט, —
ווי זשע קען ער זיצן, אזא גרויסער,
אויף א רייטוואגן
מיט פלאמפייערדיקע רעדער — ?
וויפל קעפ, אין קופעס אש איינגעטליתט,
וויפל פלאם־פארצערטע גופים,
וויפל צעפליקטע ספר־תורהס,
ווי געשענדטע כלות,
דארפן צון אים אויפגיין —
אים אראפצורופן ?

פחד

מאַמע,
כ'בין אַן איבערגעשראָקענער ייד.
דער פּלאַנעט איז אַראָפּ פון די קאָסמישע רעלסן,
און ער ווייסט אַליין נישט, וווהין ער פאַלט און פליט.

אין די אויערן בעבעט עמעצער,
אַ ראָבאָט,
וואָס האַלט אים פאַר אַ גאָט.
ליגט אַן אייבערשטער רצון דערין,
צי דאָס איז די סיטרא־אחרא אַליין,
וואָס ס'איז אַזוי גרינג איר נאָכצוגיין ?
מאַמע, זאָג מיר אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין.

ביי די װענט
שטייט
װידער,
אַז אַ מינדסטן ציטער,
אַ מחנה מיט אויפגעריסענע מײַלער
און מיט אויפגעהויבענע, פאַרגלאָצטע רעכטע הענט —
גרייט,
פעלקער צו קיילן.

מאַמע,
פאַר װאָס באַװײַזן זיך נישט דורך עמעצנס האַנט
קיין ניסים,
אַז די הענט, אויפגעהויבענע,
זאָלן בלײַבן פאַרשטײַנט,
און דאָס געשריי אין די מײַלער — פאַרשטומט,
אַז די גאַנצע װעלט זאָל װיסן,
אַז גאָט איז איינער און אַליין,
און אַז ער קומט
באַצאָלן די רשעים
פאַר זייערע בלוטיקע רייד,
און באַלוינען די צדיקים
פאַר זייער רעכטפאַרטיקייט.

היינט
קען מער נישט אויפבליען קיין נס
איבער נאַכט —
אַזוי װי בעז ?

אַלטמאָדישע גראַמען

די שעפּעלעך שטייען אין גרוים געציטער —
סע קען באַלד, חלילה, ווערן פינצטער און ביטער.
דער הימל — פאַרחושכט, אַ וויכער גייט,
און מע זעט נישט קיין פּאַסטעך ווייט און ברייט.

די כמאַרעס יאָגן אַז אַ שרעק —
איז דער פּאַסטעך זיך ערגעץ באַהאַלטן אַוועק,
— דער פּחד ברענט, די אומרו בראָט —
און געלאָזט די שאָף אויף גאָטס באַראָט.

די שאָפּענע אויגן — פאַרלאָפן מיט בלוט —
שוין נישט איין מאָל געפילט די רישעות־קנוט.
אוי, ווער וועט איצט דער מלאך־המושיע זיין,
און לאָזן פאַלן די בליצנשווערדן אין ים אַריין — ?

פון ווען אָן

פאַר וואָס שעם איך מיך מיטן רוצחס רציחה
מער ווי ער אַליין ?
ווייל איך בין געפאַלן און קליין ?

און אַז ער דאַרף לעבן אויף זיין שווערד —
פאַר וואָס האָט ער דערפאַר מיך אויסגעקליבן
פון איבער דער גאַנצער ערד ?

פון ווען אָן ציט ער זיך צו מיר
מיט זיין רציחה ?
און פון ווען אָן גלייב איך אין איינציקן גאָט
און מוז מיט אים זיין זיכער ?

עך, געטרייער טרויער

עך, געטרייער טרויער, דו, מיין ליבער —
לאָמיר זיך צעשיידן, לאָז מיך איבער.

עלעהיי סע טרעפט זיך צווישן פּאָרן:
נאָך אַזוי פיל און אַזוי פיל יאָרן,

זעט מען פּלוצעם איינס אין צווייטנס אויגן:
עפּעס איז נישט גלאַטיק, עפּעס טויג נישט,

און מע נעמט און מע צעגייט זיך שטילע —
אַז קיין קאַטער קרייעט נישט אפילו.

גייט מען זיך פונאַנדער אָן געשרייען,
כאָטש סע גייט נישט גלאַטיק אָפּ, אָן ווייען:

אָן קיין טומלען, אָן קיין יעלהנישן —
כאָטש מע דאַרף אַ מאָל די טרערן ווישן.

טויג דאָך ווידער נישט, — נו, גיי זשע פרעגן
ערגעץ ביי די בעטלערס אויף די וועגן.

אין די בעטלערס, זאגט מען, ליגט באהאלטן
אפט א ניסתר, און ער בייט געשטאלטן.

געבן זיך דערקענען טארן זיי נישט —
אין א וועלט פון ברוד די איינציק ריינע.

מ'עט זיי אפהאקן די קעפ און מ'עט זיי הענגען
און מ'עט זייער לייב די פייגל שענקען.

איך — מע נעמט מיך פרעגן רעטענישן,
האלט איך מיר אין איין דעם שטערן ווישן . . .

גאר מיין חכמה הייבט זיך אן צו וויגן —
איך — דער זעעוודיקער, הערעוודיקער.

לאמיר זשע, מיין טרויער, דו, מיין ליבער,
אויכעט זיך צעגיין און לאז מיך איבער.

כ'זאג די צו: איך וועל דיך גוט געדענקען —
כ'וועל אפילו אפשר נאך דיר בענקען.

איך וועל דיך נישט לאזן גיין מיט גארנישט —
ס'איז נישט שיין און מערער נאך: מע טאר נישט.

כ'וועל דיך נישט באוולהן, גאט זאל היטן —
ווו איז מענטשהייט? ווו איז שיינע זיטן?

נא דיר, נעם מיין ווייט גערימטן פידל —
ס'עצהן גוטע־פריינד: געגוג געלידלט.

וויפל איז דער שיעור צו סינאנירן —
וועסט דען צון א טאלק דיין ליד דערפירן ?

לאָמיר אויבעט שאַ און שטיל זיך שיידן —
דאַכט זיך, אַז ס'עט זיין לטובה ביידן.

ביסט צוריק מיט יאָרן ווייס איך וויפל
טיף אַריין אין מיר ווי אין אַ שיפל.

ווען דו ביסט אַריין — געדענק איך שוין נישט,
נאָר ביסט שוין געבליבן דאָרטן ווינעז.

זעט די מושל, פילט זי ווען ראָס זעמדל
קומט זיך טוליען אין איר וואַרעם העמדל ?

האָסט זיך ווי אַ זעמדעלע פאַרקליבן,
ווי'ן אַ מושל — און שוין דאָרט געבליבן.

אפשר קומסטו נאָך פון דורות פריער,
און דורך טאַטע־מאַמע גלייך צו מיר.

פון אַ זעמדל ווערט אַ שיינע פּערל,
און אַ פּערל גראַמט זיך מיט אַ שטערן.

אין די הייכן זעט מען שטערן פינקלען,
אין די טיפן, דאַכט זיך, פּערל ווינקען

וואָס איז שענער פון אַ פּערל־שנירל,
וואָס אַ מיידל טראָגט — דעם האַלדז צו צירן — ?

מע באַוווּנדערט דען די פּערלקייטלעך?
ניין, דעם מיידלס שיינע איידלקייטן.

נו, ביסט דאָרט קיין פּערל נישט געוואָרן,
נאָר אַ שטילער, טאַטשענדיקער וואָרעם.

כ׳זאג דיר אפן, כ׳וויל, דו זאלסט עס וויסן:
האסט מיר דין און שטיל דאס הארץ צעביסן.

נאר מ׳האט נישט געזען אויף מיר דעם ווייטיק —
כ׳האב געוואלט פארשאנעווען א צווייטן.

ווער איז יא א מאל מיין שוועל אריבער?
עמעצער ווי איך אזא, אכיבע.

ר׳האט מיך נישט געטרייסט, נאר מיך פארשטאנען —
ווייל זיין הארץ האט אויך, ווי מיינס, געוויאנעט,

ווי אן עפל, וואס דער ווארעם מאטערט,
נאר — מע זעט אויף אים א הויט, א גלאטע;

תמיד טראגט ער אום א פוסטן שמייכל,
און פארמאגט מאנירן שטילע, ווייכע —

ס׳האט אין אים געפלאצט דאס הארץ, פון אומעט, —
האב איך איצט נישט ווער ס׳זאל צו מיר קומען.

טרויער מיינער, הארציקער און ליבער —
לאמיר זיך צעשיידן, לאז מיך איבער.

אייביק זיין מיט דיר — איז מיר דערעסן —
נאר איך ווייס נישט ווי כ׳וועל דיך פארגעסן . . .

פון אַ תחינה

האָסט צוגעזאָגט אַברהמען, יצחקן און יעקבן, אין
דיינע רייד,
אַז דו וועסט פּאַרהיטן זייערע קינדער פון צרות און לייד.

האָסט געזאָגט, אַז עמלק וועט ווערן פאַרלענדט —
זע, ער הייבט ווידער אויף אויף אונדז זיינע
רישעותדיקע הענט . . .
למה יאמרו הגוים, פאַר וואָס זאָלן די גויים זאָגן,
אַז זיי האָבן נישט קיין מורא אונדז צו פּלאָגן —
הייב אויף איבער אונדז דיין ישועה־פאָן,
ועלן די גויים נישט קאָנען זאָגן, אַז דו נעמסט דיך פאַר
אונדז, חלילה, נישט אָן.
לאָזן זיי נישט זאָגן, אַז דו האָסט אונדז, חלילה, פאַרלאָזט
— ווייז אונדז וויפל רחמים דו האָסט.

האסט דאך אונדז אליין אויסגעקליבן,
ווי ס'עס שטייט אין דיין הייליקער תורה געשריבן.
און אויב נישט אלע דיינע קינדער האבן זיך
גענאנגסטיקט פאר דיר,
פאר וואס האסטו דאס גאנצע פאלק צו אזא מישפט
דערפירט?
וואס האבן געזינדיקט עופעלעך ביי דער מאמען
אויף די הענט?
פאר וואס האסטו דאס גאנצע הויז ישראל פארברענט?

זאלן די אבות מיט די אמהות זיין גוטע בעטערס פון
וועגן זייערע קינדער,
וואס בלאנדזשען אום ווי שאף אן א פאסטעך, ווי בלינדע.
און מיר זאלן זוכה זיין און הערן גוטע בשורות־טובות
אין גיכן,
און אונטער שאלונג פון שופרות אקעגנגיין משיחן.

די העכסטע בערג וועלן ווי וואקס צעגיין
און מאכן פאר אונדז א ווארע אן שטרויכלונג און אן
שטיין.
די באכן וועלן זיין אזוי זים ווי וויין —
און מיר וועלן טרינקען, נאר שיכור וועלן מיר ניט זיין —
מיר וועלן גיין מיט געהויבענע קעפ
אויפן וועג קיין ציון, איבער ליכטיקע טרעפ.

זאל דיין גרויסקייט זיך שפרייטן איבער דער ערד ווי א
וואסער —
ווי אין פסוק שטייט: כמים לים מכסים.
זאל פאר אלע פעלקער אין די אויגן געהייליקט ווערן
דיין גרויסער נאמען —
אמן ואמן.

אַ בלימל

I

מיט דערנער מער ווי מיט בלעטער —
ביי אים אין לאַץ אַ בלימל,
פון אַלערליי קאָלירן,
וואָס סע פאַרמאָגט דער הימל.

אַ מאָל די רויטע שקיעות,
וואָס שלינגען איין די ליכטיק;
נאָר מיינסטנס פאַרט די הייכן
געצירט מיט שטערנטיכלעך.

אַ בלימל מיט קאָלירן —
וואָס קען זיין, דאַכט זיך, שענער?
די דערנער, אָבער, שטעכן
אין לייב אַריין, און ברענען.

דעם בלימל מיט די דערנער
פֿאַרגלייבט ער וואָס סע פּלאָגט אים —
דער ווייטיק, אָבער, שטום איז
און בלייבט אַ נישט דערזאָגטער.

און דערנער ווייסן איין זאַך:
זיי וואַקסן און זיי שטעכן —
דו מעגסט אפילו שרייען
אי הויך, און אי נאָך העכער.

האָט ער שוין מער ווי איין מאָל
אַריינגעטראַכט דערינען:
דאָס בלימעלע, דאָס שטילע,
ט׳אים רירן פונעם זינען.

איז ער אַוועק האָלבנאַכטצייט
צון עפּעס אַ מכשפה,
וואָס גיט זיך אָפּ מיט סגולות,
מיט מאַשטשן און מיט זייפלעך —

איר כאַטע איז געשטאַנען
צעעפנט טיר און טויער —
און ס׳איז מצרים־פינצטער,
און שטיל ווי אין אַן אויער.

האָט ער אַריינגעשושקעט,
ביז זי׳ט גענומען הערן:
„איך וויל, דו זאָלסט מיר העלפן,
כ׳זאָל נישט מטורף ווערן.

דו ביסט דאָך נישט קיין יאַקטער,
קיין דאָקטער־מיט־די־ציינער;
דיין אַרבעט — אי זי'ז ערלעך,
און אי זי איז אַ ריינע.

און כאָטש דו ביסט אַן אַלטע,
פאַרמאָגסטו נאָך די גלאַנצן
פון דיינע יונגע יאָרן —
און ס'ווילט זיך מיט דיר טאַנצן . .

איך וועל דיר גוט באַצאָלן,
אָבי פאַרנעם מיין בידע —
דו נעם אַרויס דאָס בלימל,
וואָס שטעכט מיר דורך די גלידער."

„מיט וואָס וועסטו באַצאָלן?
דאָס וויל איך גראָד פאַרשרייבן . . . "
„כ'וועל עמעצן דערשטעכן —
און דיר נישט שולדיק בלייבן."

האָט זי זיך אויסגעגענעצט,
און קינדלעך אָנגעצונדן,
און האָט באַטראַכט דאָס בלימל,
און אויף זיין לייב די וווּנדן.

„די גלידער ווי די גלידער,
אַ שניט — מע שטאַרבט דערפון נישט.
נאָר כ'האָב דעם בלימלס וואָרצלען
ביי דיר אין האַרץ געפונען."

האַט זי באַטראַכט זיין קלאַפּאַט
ביים שיין פון מאַנד און שטערן,
און האַט געזאָגט: „זיס לעבן,
וועסט נישט געהאַלפן ווערן.״

„דו פרעג דיין פאַרל קראַען,
און פרעג דיין טשערעפּאַכע,
דיין קאַטשערע, דיין בעזעם,
און דיינע זיבן זאַכן —

דו פרעג זיי אויס באַזונדער,
און פרעג זיי אַלע אין איינעם —
צי קען מיר עמעץ העלפן,
צי גאָר, חלילה, קיינער.

כ׳על דיך נישט קריוודען, אַלטע, —
מעגסט ניצן כוחות שוואַרצע —
נאָר רייס אַרויס דאָס בלימל,
דאָס בידנע, פון מיין האַרצן.״

„ווער זאָגט דיר, אַז ס׳איז בידנע?
זיי ווייסן, אַז דו פּלאַפּלסט —
די טיפע, דינע וואָרצלען
איז זייער שווער צו כאַפּן

מע דאַרף די בלום אַ ריס טון,
און כישוף גילט דאָ גאָרנישט,
נאָר אַז דער בלום, זיס לעבן,
האָסטו די ווערט קיין האָר נישט

און מער נאָר: דו וועסט אויסגיין
אין איינע צוויי, דריי שעהען —
און ס'וועלן דיך באַקלאָגן
אין שטייג ביי מיר די קראָען."

האָט ער אַרויסגעהעשעט
אַ ווילד געוווי־געלעכטער —
אַ רגע צו פאַרטייבן
דעם ווייטיק, וואָס צעברעכט אים.

II

אַ היצל צווישן היצלען
האָט ער באַדאַרפט צו ווערן —
און נישט קיין שטילער דיכטער,
וואָס וואַרגט זיך מיט די טרערן.

צי גאָר אַ לערנייִנגל
ב'אַ פערדשינדער, אַ וויסטן —
וואָלט זיין פאַרשעמטער טרויער
זיך איצט אַזוי נישט גיסן.

צי גאָר אַ האָלעדריגע,
וואָס נעכטיקט הינטער פּלויטן,
און ציילט אין שלאָף די שטערן
און קלויבט זי אין די צויטן.:

און חברט זיך מיט וואָלקנס,
וואָס היטן זיין צוקאָפּנס,
און טרינקט ווי קילע משקה
די דימענט־רעגן־טראָפּנס.

ער טוט זיך אַז אין חלום
מיט אויערינגלעך, בראַשן,
און ווייסט נישט, אַז דאָס חיות
האָט זיך אים אויסגעלאָשן.

אין חלום לייכט און פּערלט —
אַז ס'איז נישט נאָכצוזאָגן —
און ס'דאַכט אים: צוויי מלאָכים
אַקעגן אים זיך טראָגן . . .

איך קען מיר קיין רו נישט געפינען

אַז אַסיען־רעגן איז צוגעפאַלן צו מיינע שויבן
און געגומען כליפּען און וויינען.
אַלע געוויינען פון דער וועלט האָב איך דערין פאַרנומען.
די פּיין פון דער גאַנצער ~~וועלט~~ איז צו מיר געקומען.
[illegible]

נאַר איין נישט געהערט געוויין
איז מיר אַרונטער אונטער דער הויט:
אין דער שויב האָט זיך באַוויזן
אַ ווינקל לאַנדשאַפט מיט אַ געפאַלן פערד,
אין דער פינצטער,
אויף פרירנדיקער ערד.
אין דער לופטן האָבן געכוואַשטשעט און געבליצט
בייטשן פייערדיקע —
עמעץ האָט געשונדן פון דער חיה
לעבעדיקע שטיקער.

דאָס פערדל גיט זיך אַ צאַפּל ביי איטלעכן שניט,
נאָר מע הערט פון אים קיין שאָרך אפילו ניט.
און דער מענטש כוואַשטשעט מיט דער בייטש
ווי אין אַ טאַקט, און גייט נישט אַראָפּ פונעם זינען.
נאָר איך, אין צווייטן עק וועלט,
קען מיר קיין רו נישט געפינען.

ער צעהענגט זיינע בילדער אויף פּלויטן

ער צעהענגט זיינע בילדער אויף פּלויטן —
און באַהאַלט זיך הינטער אַ מויער;
גייט אַ מענטש פאַרביי און ער מבינט —
דאַרף מען אונטערשטעלן אַן אויער.

ער גייט נישט מיט קיינעם אין שותפות,
ס'איז אַ מיסחר אויף אַנצוווערן —
אים אַרט נישט וואָס מענטשן רעדן,
נאָר קיין שלעכטס ווילט זיך פאַרט נישט הערן.

אַ מענטש; נאָך אַ מענטש; מיטן דריטן
גייט מיט אַ משתין־בקיר׳ל —
דאָס הינטל באַניוכעט די בילדער.
און וויל זיך פון אַרט נישט רירן.

ס'איז אין מיטן שטאָט, אין אַ פּאַרקל . .
אַרום און אַרום — פּאַלאַצלעך;
סע פעלט נישט, פאַרשטייט זיך, קיין קלויסטער
מיט גלעקער, וואָס דרינדזשען ווי טאַצן.

פאַר יעדן פּאַלאַצל — אַ גאָרטן,
אַ פאַרטעך, די שאַנד צו פאַרדעקן —
און זונטיק גאַנץ פרי איז מען גערן
צו הערן דאָס קול פון די גלעקער.

ער שטייט אַף אַ טאָג און באַהאַלט זיך,
און ער זעט ווי די בילדער בלייכן —
מסתמא אַזוי איז זיין מזל,
אַזוי איז אים אָנגעצייכנט.

אַ ווינט האָט די בילדער געבלעטערט,
אַ רעגנדל האָט זיי באַשפּרענקלט,
נאָר ס'האָט זיך געוויזן נישט איינער,
וואָס זאָל כאָטש אַ שמייכל זיי שענקען.

קומט אַוונט, פאַרפּאַקט ער די בילדער
אין עפּעס אַ קאַסטן, אַן אָרון,
און לאָדט זיך אים אַן אויפן אַקסל,
ווי ער טוט עס שוין יאָרן און יאָרן.

ער גייט — און ער זעט נישט און הערט נישט
ווי סע ווערט אַרום אים אַ געטומל —
פון אַלע פיר זייטן שטראָמט מען,
און מ'איז אים באַלייטן געקומען.

מ'האָט סוף־כּל־סוף זיך געיאָוועט —
און ס'ווערט אַרום אים אַ גערודער:
„געוואַלד, געוואַלד — גיט אַ קוקעט —
ס'איז אַוועק אַ מאָלער־ברודער.

ר'איז געווען . . . נאָר וואָס זשע, מע ווייסט נישט?
אַזוינער, אַזעלכער, אַזאַנער!
ס'איז אַן אָפענער סוד, אַז זיין גלייכן
איז גאָר אויף דער וועלט נישט פאַראַנען.

גיט אַ קוק אויפֿן אוצר מיט בילדער,
וואָס ער האָט אָנגעקליבן.
ר׳האָט זיך ערלעך פֿאַרדינט עולם־הבא,
און נאָך מיט אַ שמיצל אַריבער.״

דער וועג אַהיים איז אַ לאַנגער,
נישטאָ מער קיין קפֿיצת־הדרך —
געוויינטלעך דערגרייכט ער זיין שטיבל
ביים ערשטן שיין פֿון די שטערן.

די קייט מיט באַוויינערס ווערט לענגער
מיט איטלעכער איינציקער רגע —
אַז מע זעט אַזאַ באַלייטנס,
פֿאַרשפּאַרט מען שוין צו פֿרעגן.

דאָס באַלייטנס ציט זיך און ציט זיך,
ביז מע קומט צו אַ שטילן שיפֿוע —
מ׳איז מיד אין די פֿיס און אין ד׳אויגן,
בלייבט מען שטיין, זיך אָפּצורוען.

און איינער, מיט צאַפּישע פֿיסלעך,
שטעקט אַרויס דעם מאָלער אַ צינגל.
„גיב אַ קוק, וויפֿל פֿריינד און פֿריינדינעס
סע קומען דיך היינט באַרינגלען . . . ״

די קייט מיט באַלייטערס צעפֿאַלט זיך —
ער איז קוים אַרויס מיטן לעבן,
ער פֿאַרהייבט די הענט צום הימל,
אַ שבח דעם בורא צו געבן.

אַליין אין פעלד

ווער האָט דער שיינער, מידער זון
דערלאַנגט אַ מעסער אין דער זייט?
זי ווייזט פאַר אַלעמען איר ווונד —
אַ בלוטטייך ציט זיך ברייט און ווייט.

דער בלוטטייך איז אַריין אין וואַלד —
איין גאָט ווייסט, וואָס סע קען נאָך זיין —
ער קען די וועלט פאַרפלייצן באַלד,
ער קען אין יעדער שויב אַריין.

פאַר וואָס אַ מבול בלוט, פאַר וואָס —
פאַר וועלכע רישעותן און זינד?
איז זינדיק אויך דער בוים, דאָס גראָז,
און אויף דער מאַמעס שויס דאָס קינד?

וואָס ציטער איך, איך אַלטער נאַר?
כ׳בין שולדיק אין דער מערדעריי,
און מ׳עט מיך מישפּטן דערפאַר,
ווייל מ׳האָט דאָך מיך געכאַפּט דערביי . . .

וואָס האָט אַ מענטש אַזוינס געטאָן
אין מיטן פעלד אַליין פאַר נאַכט?
דאָס טיכל זיינס איז דאָך אַ פאָן,
און ווער קען וויסן, וואָס ער טראַכט . . .

כ'וועל נעמען פלאָפלען ווי אַ קינד
און מיך פאַרשטאַמלען אין דער מיט —
און מיינע רייד פאַרטראָגט דער ווינט,
און קיין הצלה ווייזט זיך ניט.

לסוף באַווייזן זיך מיר פריינד —
מע אַמפּערט זיך, סע נעמט קיין שיעור,
און צווישן פריינד און צווישן פיינט
ווערט שטיל און פינצטער אַרום מיר.

ווער האָט דער שיינער, מידער זון
דערלאַנגט אַ מעסער אין דער זייט? . . .

טרייסט

(לזכר נשמת מנחם־מענדל בן יהודה)

אַנגעווירן, אַנגעווירן —
ווי פון ווינט אוועקגעטראָגן;
און קיין וויינען וועט נישט העלפן,
און קיין יאָמערן און קלאָגן.

אַנגעווירן, אַנגעווירן —
קום און זאָג אַ וואָרט, צו טרייסטן,
פון די פּשוטיקסטע ווערטער,
ווי די אַלטע ספרים הייסן.

אַנגעווירן, אַנגעווירן —
און ס'איז שווער זיך אויסצומאָלן —
קענסט דיך נאָר דערמיט דערפרייען
סיידנס ווען אַ מאָל אין חלום.

אַנגעווירן, אַנגעווירן —
וויין, אויב דו פאַרמאָגסט נאָך טרערן.
סיידנס נאָר אַ מאָל אין חלום
קען אַ רגע גרינגער ווערן.

ווינטעלע, וואָס ווייסטו ?

ווינטעלע, וואָס ווייסטו יאָ,
און וואָס ווייסטו ניט?
וויפל סודות טראָגסטו עס
אין דיין זשורזשען מיט ?

רעדסט פאַרשטעלט און האַלבע רייד —
מיר געפעלט עס גאָר,
ווייל דו ברענגסט קיין גוזמות נישט
נאָר די סאַמע וואָר.

נישט איעדערער פאַרשטייט
וואָס אַ וויגל רעדט —
נאָר אַ קינד און נאָר אַ נאַר,
אויכעט אַ אַ פּאָעט.

איז פאַראַן אַ נאָענטשאַפט
צווישן זיי דערפאַר —
צווישן ווינטעלע און קינד
און פּאָעט און נאַר.

קלוגיטשקע פאַרשטייען נישט
קיינעם פון די פיר —
מע פאַרמאַכט פאַר זיי דאָס האַרץ,
ווי אַ מויערטיר.

איך — קיין קלוגער בין איך נישט,
נאָר אַ נאַריש קינד,
האָב איך ליב דאָס זשורזשעניש
פון אַ שטילן ווינט.

מיר פֿערציילט דאָס ווינטעלע
גאָר און גאָר אַ סוד,
מיר פאַרמאָגן דאָך, פאַרשטײ,
מיינס און זיינס — איין שפּראַך.

מיר דערציילט דאָס ווינטעלע
אַלע סודות אויס
פון די שטילסטע ווינקעלעך —
ווי די וועלט איז גרויס.

קלערער הער איך זיינע רייד
צווישן טאָג און נאַכט;
קלערער נאָך ווען ס'איז די הייך
שטערנדיק פאַרטראַכט.

שטילס און שיינס און ליבלעכדיקס,
סודות אָן אַ שיעור —
כ'זאָל עס אייך מגלה זיין,
קלעקט נישט קיין פּאַפּיר.

וועגן רישעות אויף דער וועלט
רעדט עס גאַרנישט, ניין.
וועגן כלע רישעותן
ווייס איך שוין אַליין.

איך שלאָף מיט אָפענע פענצטער און טירן

איך שלאָף מיט אָפענע פענצטער און טירן,
ווייל אַנדערש, דאַכט זיך מיר, קען גאָרנישט זיין —
די סטייעס שטילע חלום פייגל,
ווי וואָלטן זיי צו מיר אַריין?

ווען זיי זאָלן דאַרפן קלאַפּן, רייסן —
צי וואָלטן זיי מיך נישט אויפגעוועקט?
פאַר שרעק וואָלט איך אפשר געמאַכט געשרייען,
און די חלום־פייגל וואָלטן אַוועק.

און ווער ווייסט, צי זיי וואָלטן צוריקגעקומען —
באַנומענע קולות האָבן זיי פיינט —
און איך וואָלט געבליבן אָן חלום־פייגל,
און אָן מיינע איינציקע, אמתע פריינד.

סע טרעפט, אַז דורך אַן אָפן פענצטער
פאַרפליט צו מיר אַ פלעדערמויז —
זי נעמט מיר ארוים מיט איר קוויטש די נשמה,
און סטראַשעט און ליאַרעמט — און פליט אַרויס.

זי וויל מיין גאַנצע חלום־מלוכה,
כאַטש נעם און גיב איר אַ גילדענעם טראָן.
איך טראַכט איר נאָר, ווייל זי פאַרגעסן
וואָלט מען געוואָלט, נאָר ווער זשע קאָן?

איך קען איר מיין חלום־מלוכה נישט געבן,
אין גאַנצן נישט און אויך נישט האַלב.
די אָפטסטע מיינע חלום־פייגל
איז טשיזשיק — דער טרויער, און בענקשאַפט —
די שוואַלב.

און גאָרנישט מער ?

ווו קומט אַהין די טרער, וואָס מ'האָט פֿאַרגאָסן,
אין וועלכע ימען — די פֿאַרשעמטע טרער?
אין טיפֿסטן תהום פֿון אַלע תהומען.
אין מיילער אָפּענע פֿון אייביקדיקע שוואָמען —
און גאָרנישט מער?

ווו קומט אַהין דער זיפֿץ, וואָס קוים מע הערט,
בשעת אַ ווערבע לאָזט אַ טרער אין טייך אַריין —
אין אייביקן נישט-זיין?

ווו קומט אַהין דער לעצטער צאַפּל פֿון אַן אויג,
וואָס לעשט זיך אויס ביים אָנהייב פֿון דער לאַנגער נאַכט
— און ס'דאַכט זיך: אַלץ האָט זיך נאָר אויסגעדראַכט —
ווו קומט אַהין די טראַכטעניש, וואָס מ'האָט געטראַכט—
אין אייביקן נישט-זיין און גאָרנישט מער?

זיפּן, פון די סאַמע דינסטע

זיפּן, פון די סאַמע דינסטע,
הענגען העט צעווישן שטערן־זייגערס,
אינעם טיפסטן מילעכוועגן־שניי,
און סע זיפּט זיך
פון אַנסופיקע ספּיראַלן ספּיראַלן
די געדאַכטע צייט דורך זיי.

וואוהין קומט דאָס געזיפּטע?
ס'פאַלט אַריין אין זיך אַליין,
(דאָס איז גרינגער נאָך פון גרינגער צו פאַרשטיין),
און סע ווערט דערביי קיין שטויבל נישט פאַרפאַלן.
ווי אַ שטויבל צייט גייט נאָר פאַרלוירן,
פאַלט עס אין דער צייט אַריין צוריק,
ווי אַ ניי געבוירנס.

און ס'איז דאָרט נישטאָ קיין פריער
און קיין שפּעטער,
ווייל די זייגעררעדער —

אי זיי דרייען זיך און פליען,
אי זיי שטייען,
און דער איצט איז אייביגקדיק.

פון די ווייטסטע קאָסמאָס־תהומען,
פון די טיפסטע אין־סוף־טאָלן
קומען אָן ספּיראַלן פולע,
אָנגעשטאָפּט מיט בערג מיט שאָטנשטיינער,
צו די זיפּנמילן,
מאָלן.

דאָ צעקרישלט מען די שאָטנס
אויף די מיליאַסן שטויבן.
איטלעכס שטויבעלע באַטרעפט
אַזוי פיל און אַזוי פיל יאָרן,
לאָמיר זאָגן, הונדערט זיבעצן מיליאָן . . .

נאָך אַ זאַך דערמאָנען דאָ כדאַי איז,
אַז דאָס ציט זיך שוין אַזוי אַ קיימאַ־לן
פון שיינע עטלעכענע טויזנט אייביקייטן גוטע.
(אויב איך מאַך אַ טעות,
איז נישט מער ווי בלויז אויף עטלעכע מינוטן —
לוינט זיך נישט צוליב דעם מאַכן קיין העוויות.)

און דער שומר פון די זייגערס
האָט אַ שטייגער:
איטלעכענעם חי און איטלעכן צומח,
אָפּצומעסטן
וויפל צייט סע קומט אים — נור און אײן גרוים,
און דער עיר־זאָם פּעדייעץ אויכעט.

אין מיין האַרץ, ווי אין אַ בוים

אין מיין האַרץ, ווי אין אַ בוים
מאָדנע פייגל דרימלען,
דורך שפּאַרונעס קוקן זיי
אייביק צו די הימלען.

און אַז פייגל וווינען דאָרט,
זענען דאָ דאָרט נעסטן,
פון די שענסטע פעדערלעך,
און פון פּוך, דעם בעסטן.

ווער די נעסטן ס'האָט געבויט?
עמעצער, אַ צווייטער —
ר'איז אַריין צו מיר אין האַרץ
אויף אַ שאָטן-לייטער.

אויסגעבויט די נעסטן שטיל,
ווייכע און געראַמע,
און געלאָזט מיך שלאָפנדיק,
אין אַ חלום סאַמע.

אויך געלאָזט דאָרט אייעלעך,
אין די נעסטן שטילע —
נו, האָב איך זיי אָפּגעהיט
מיט געשעפּטש פון תפילה.

קומט צו גיין די גוטע שעה,
הייבט דאָרט אָן צו בליען
און צו זינגען, ווי'ן אַ וואַלד
פרילינג אין די פריען.

קען איך זאָגן: „זאָל זיין שטיל" — ?
מ'עט פון מיר כיכיקען.
זאָג איך: מילא, לאָז שוין זיין,
און ווי גאָט וועט שיקן.

וואַקסט מען אונטער אין דער נעסט,
און מע הייבט אָן טשירקען,
און מע לאָזט זיך באַלד אַוועק
אין די בלויען צירקלען.

אַוונט פליט מען אָן צוריק
פון די ווייטע שפּרייטן,
אין די נעסטן אָטעמט שטיל
און די ליבשאַפט פרייט זיך.

און מע לייגט שוין אייעלעך —
כ'קען זיי דען פאַרווערן?
ווייל זיי ווילן, זאָגן זיי,
דווקא זיך פאַרמערן.

קומט נאָך פּסח, פרילינגצייט —
נעם איך ווידער הערן,
ווי אַ פייגלכאָר אין מיר
זאָל צערוודערט ווערן.

אַלע קעפּלעך ציען זיך
צו די הייכן בלויע,
אַזש מ׳האָט שוין ביי מיר אין האַרץ
לעבער אויסגעבויערט.

כ׳בין זיי מוחל אַלדאָסדינג —
פייגל בלייבן פייגל :
קומט די צייט, פאַרגעסט מען נישט
אייעלעך צו לייגן.

נעסטן בויט ווער אין מיין האַרץ
ווידער אַלץ און ווידער —
אייעלעך, ווי פאַרמעטלעך,
ליגן אין דער נידער.

מאַלע וואָס סע טונקלען אַז
שטעכיקע געדאַנקען —
כ׳האָב נאָך פייגעלעך אין האַרץ,
כ׳האָב נאָך, גאָט צו דאַנקען.

דער אַלטער בעל־עבירהניק

דער אַלטער בעל־עבירהניק
פליט נאָך דעם זשום פון בינען,
דעם טרעל פון יונגע טשיזשיקלעך,
דעם פייף פון ווינטעלעך דינע.

אַ שוואַלב פאַרפירט אים צון איר נעסט,
ביי דער כאַטע אונטער דער סטריכע —
אַליין געבויט און אויסגעצירט,
אַן מיקעלאַנדזשעלאָס ביכער.

ער טענהט זיך אוים מיט אַ וועווריקל,
וואָס האָט נישט פאַר אים קיין מורא —
כאָטש ער האָט קוים לאָודע צושטודירט
אַזש ביז דער אַטאָמישער תורה.

ער גייט שוין אַרום אַזוי לאַנג אויף דער וועלט,
און איז אַליץ נאָך פול מיט גאַפונג:
וויפל ניסים אין איטלעכן בריאהלע,
וואָס גאָט האָט מיט חסד באַשאַפן!

אַ פויגלקלאַנג קלאַפּט אין זיין נאַכטיקער שויב,
ווי ר׳זאָל קומען אים וועקן פון דרימל:
ער עפנט דאָס פענצטער און שפּרייט די הענט
צום פולן שטערן־הימל.

צי דינט ער דען צו דער שטערנוועלט,
אַזוי ווי אַ מאָל די עכו"ם?
ס'איז עמעצער העכער די שטערן פֿאַראַן,
און צון אים שרייט ער אוים: ממעמקים . . .

וואָס דאַרף ער זיך שעמען צו האַלדזן אין פֿעלד
דער בעריאָזעס ליכטיקע גלידער?
יואָס דאַרף ער זיך שעמען צו שרייבן דערפֿון
אין פּשוטע יידישע לידער?

ער ווייסט אַז אין די וואָלקנדלעך,
וואָס פֿליען און פֿאַרשוועבן,
איז דאָ אַן אָנצוהערעניש
אויף אונדזער בידנע לעבן.

איז גוט צונויפּצושייכותן,
איז גוט צונויפּצופּאָרן
די ווייטקייט מיט דער נאָענט[illegible] —
אוי, גיב נאָר, גאָט, אים יאָרן.

פֿאַראַן נאָך שיינקייט, וואָס ר'האָט נישט געזען,
פֿאַראַן נאָך פֿאַרבאָרגענע שטערן.;
פֿאַראַן נאָך פֿריידן וואָס ר'האָט נישט פֿאַרזוכט,
און ניט דערלייזטע טרערן.

דער מאַמעס אוצר

מע רייסט פון מיינע יידיש־בייטן,
מיט גראַבליעס פינצטערע, די שענסטע קווייטן.

וואָס וויל די וועלט? איך זאָל פאַרוואַרפן די ירושה
פון די אָבות,
און זשעברעווען אין גרויסע שטעט נדבות.

איך זאָל נישט מער דערמאָנען מיינע אָפּגעשיידטע,
נישט ווינטשן זיי דעם ליכטיקן גן־עדן.

„אַז מ׳עט זיך מירטשעם זען אין פריידן״ — ווער
באַדאַרף עס?
אַ שפּראַך דאַרף בלאַנקען ווי אַ שווערד, אַ שאַרפע.

נאָר נייז, איך גיב נישט אָפּ דאָס פרום־פאַרצייטישדיקע
פאַר פולע זעק מיט נייע זילבערשטיקער.

איך גיט מיר גאַנצע אוצרות פון די פעלקער, אַלע —
מיין מאַמעס אוצר זענען זיי מיר נישט מכלא.

איר גאָרטן־אוצר צייטיקדיקע קאַרשן —
איך האָב נאָר אים און מערער גאַרנישט צו פאַרירשען.

אַ פּריצה האָט איין מאָל געשריבן נאָך מיר

אַ פּריצה האָט איין מאָל געשריבן נאָך מיר:
זי איז גרייט מיך אָפּגילטן מַמָש —
איך זאָל זי באַשרייבן, אין מיינעם אַ ליד,
מיט מיינע גילדענע גראַמען.

זי שרייבט מיר, אַז געלט איז קיין אָפּהאַלט נישט —
זי פאַרמאָגט געגוג מזומן — —
איך זאָל אויף אַ צייט פאַרלאָזן די היים
און צון איר וואָס גיכער קומען.

זי איז גרייט צו פאָזירן פאַר מיר
אין סיי נאַר וואָסער פּאָזע.
די אונטערשטע שורה: פאַרלאָזן די היים,
און ווייב און קינדער פאַרלאָזן.

(אַ מאָל, אַ מאָל זיך באַגעגנט מיט איר,
זיך איבערגעוואָרפֿן מיט בליקן —
אַ בליק, אַ שמייכל, אַ ווונק מיט דער האַנט —
זאָל איך וויסן, אַז ס'שטייען נאָך בריקן?)

זי שרייבט: „איך בין רייך ווי אַ קיניגין,
און דיין שם איז צו מיר דערגאַנגען,
און דיינע לידער, וויסן זיי,
האָבן לאַנג שוין מיין האַרץ געפֿאַנגען."

(גיי ריכט זיך אויף אַזאַ מין זאַך,
אַז צווישן די טויזנטער לייענערס,
וואָס איך פֿאַרמאָג אויף דער גאָרער וועלט,
זאָל אויך זיין אַ פּריצה איינע.

קען זיין, אַז „גרויסע טעפּ" נאָך אַ אַ סך —
סענאַטאָרן, בישקופֿן, למשל,
געפֿינען זיך אין לייענערטום
פֿון מיין ליד אויף מאַמע־לשון.

מע דאַרף מיך נישט איבערגיסן, ווייזט אויס,
אין אַנדערע כּלים־שפּראַכן,
אַ גוט שטיקל אַרבעט איז אומעטום גוט —
און מע דאַרף עס נישט איבערמאַכן.

אַבי מיך נישט גיסן, גרויסער גאָט,
אין אַן אַנדער שפּראַך, צי אין אַלע —
כ'בין נאָך נישט אין גאַנצן פֿון זינען אַראָפּ,
צו מאַכן דעם סאַלטאָ מאָרטאַלע.)

קיין יידיש, שרייבט זי, קען זי נישט,
נאָר די שפּראַך, זאָגט זי, איז דאָך נישט וויכטיק —
און ווי קען זיך גלייכן די יידישע שפּראַך
צו אַן אַנדער שפּראַך און איר דיכטונג — ?

זי האָט אָבער, שרייבט זי, אַ גוטן־פריינד,
אַ פילאָסאָף, אַ גרויסן —
האָט ער איר געגעבן אַ קאָפּ צו פאַרשטיין
די טייטש פון יידישע אותיות —

און לייענט זי מיך שוין ווי ס'ניט איז,
כאָטש ווייט נישט אַלץ באַנעמט זי —
די עכטקייט אָבער פון מיין ליד
פאַרכאַפּט זי און באַקלעמט זי.

(זי שרייבט נישט, אַז זי וועט מיר זיין אַ ווייב,
נאָר מע לייענט עס צווישן די שורות — — —
איך מאַך אויף אַ רגע די אויגן צו —
דערזע איך איר ליכטיקע צורה.

„מחשבה־זרה, אַוועק פון מיר!
זאָלסט מיך אויפהערן צו איר צו שלעפּן!"
איך עפן די אויגן צוריק אויף גיך —
און די וויסטע מחשבה נעמט וועפּן.)

זי שרייבט מיר, שרייבט זי, מיט טרערן אין האַלדז,
אַז מיינע ביכער לידער
פאַרזיסן איר די פּוסטע נעכט,
און פאַרוויגן די דאַרשטיקע גלידער.

זי שרייבט מיר (— און כ׳זע, אַז איר ציטערט די
האַנט —):
„סע גייט מיר אין לעבן, זאָלסט וויסן,
אַז איינס אַ ליד דיינס ליגט ביי מיר
צעווישן מיינע בריסטן.

אַט דאָרט, ווו דאָס האַרץ מיינס קלאַפּט אַזוי שטאַרק,
אַז סע דאַכט זיך מיר: אַט וועט עס פּלאַצן.
נישטאָ נאָך אַ מענטש אויף דער גאַנצענער וועלט,
וואָס זאָל ווי איך דיך שאַצן.

ביי טאָג ווי ביי טאָג, נאָר קומט די נאַכט,
אויף מיין הייסן געלעגער, דעם פּוסטן —
דריק איך צו דיינע לידער צום מויל, צום לייב,
און איך קוש זיי מיט דאָרשט און מיט גלוסטונג.״

זי שרייבט, אַז זי לייענט מיך ביי נאַכט, אין בעט,
און מוז זיך די טרערן אַלץ ווישן —
און לייגט מיך, מיט אַ הייסן קוש,
לעבן זיך, אויף איר פּייכטן קישן.

די דינסטע לייוונטן קילן נישט אַזוי
ווי דיינע גראַמענפּאַרן.
און טאָמער מיינסטו, איך נאָר דיך אָפּ —
זאָל אַ באַן מיך איבערפאָרן.

איך קוש דעם ביכלס טעוועלעד
און איטלעכס איינציקע זייטל —
און ס׳חלומט זיך מיר, אַז דו קומסט צו מיר
אויף אַ פייערדיק פערד צו רייטן;

און איך — מיט אַן איינציקן שפּרונג — ביז איך באַלד
לעבן דיר אויפן ווילדן אַגער,
און מיר רייטן נישט — מיר פליען גאַר,
ווי אַ וויכער וואָלט אונדז געטראָגן.״

זי שרייבט האַלב אַפן און האַלב פאַרשטעלט
וועגן נאָך אַזעלכע חלומות,
וואָס קומען זי מאַטערן, רויבן איר שלאָף —
און פליען אַרוים דורכן קוימען.

און טייל חלומות באַשרייבט זי מיר,
וואָס איבערדערציילן כ׳האָב מורא —
סע שמעקט מיט הפקרות, רחמנא־לצלן,
מיט הולטייסטווע און ביליקער סחורה.

איך זאָל איר, בעט זי מיך, פּותר זיין
דעם חלומס באַהאַלטענע מיינען —
און נאָך עפּעס בעט זי מיך: איך זאָל דערפון
נישט דערציילן, חלילה, קיינעם.

ס׳איז אמת, דער מאַן האָט זי איבערגעלאָזט
און ער וויל זי מער נישט קענען —
נאָר טאָמער דערוויסט ער זיך עפּעס פון אונדז,
קען די יוכע זיך אין אים צעברענען.

„ער קען נאָך קומען צו מיר פאַרשטעלט,
און האַלטן אין בוזעם אַ מעסער,
און פאַרגיסן ווי וואַסער מיין אומשולדיק בלוט —
ווייל ער קען מיך נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן . . .

גיי, נעם פאַרגעס אַ געטריישאַפטלעך ווייב,
וואָס איז גרייט פאַרן מאַן זיך קוילען —
נאָר דאָ איז אַ ביליקע צנועה פאַרמישט
און אַ כאַפּטע יונגען ווילע.״

(איך דערצייל נישט אַלץ וואָס זי שרייבט, ווייל איך זע,
ווי מ׳עט לייענען און מ׳עט גאַפן,
און איינער וועט מאַכן באַלד אַ געוואַלד:
גיט אַ קוק, ער שרייבט פּאָרנאָגראַפיע!

מ׳עט מיך חושד זיין — נאָר חושד זיין ? —
מע וועט שרייבן מיט שוואַרצן אויף ווייסן,
אַז ערגעץ אויף סענט־קעטרין־סטריט
פאַרמאָג איך אַ נאַפּקעהייזל.

מ׳עט גלייבן, מ׳עט גלייבן, זאָג איך אייך,
איך בין גרייט זיך מיט אייך צו געוועטן —
און ס׳וועט זיין דערפון אין רעדאַקציע אַ בריוו,
אין די יידישע גוטע גאַזעטן.

ווי קען עס זיין גאָר אויסגעטראַכט ?
גייט, גייט — דערציילט נישט קיין מעשה —
ס׳איז דאָ אין כשרן, יידישן בלאַט,
געשריבן מיט שוואַרצן אויף ווייסן . . .)

און אין פּאָסט־סקריפּטום שטייט שוין קלאָר:
„איך האָב אַ גרויס עשירות —
ביי מיר וועסטו זיצן און לעבן אַ טאָג,
ווי אַן אמתער שרייבער זיך פירן.

„איך הער, דו שרייבסט אַ ביכל אַ יאָר —
וואָס האָט דאָס פּאַר אַ ווערט דען ?
ביי מיר וועסטו שרייבן אַ ביכל אַ וואָך,
וואָס אַזוינס האָט די וועלט נישט געהערט נאָך.

אַבי פּאַק איין דיין שרייבפּאַפּיר,
די פּענעס מיט די טינטערס,
און זאָג „אַ גוטן!" גוטע־פריינד,
דיין ווייב און דיינע קינדער."

האָב איך געענטפערט: „פּריצה, קרוין —
זהד דיר אָפּ, איך בעט דיך, אַ צווייטן,
וואָס זאָל וועלן נעמען און קומען צו דיר,
אַזוי ווי מע זאָגט, צום גרייטן.

די ליבשאַפט, דו ווייסט דאָך, איז עפּעס אַזוינס,
וואָס מע דאַרף דערביי אויסגיין פון בענקען —
ווייל וואָסער ווערט האָט די טייערסטע זאַך,
וואָס מע נעמט זי און מע שענק דיר ?

מע שלאָפט נישט, פון בענקשאַפט, קיין האַלבע נעכט,
מע פילט, אַז מ'עקט זיך פשוט
די לעצטע כוחות פאַרלירט מען דערפון,
מע פאַרלירט אפילו דאָס לשון.

איך גלייב דיר: מיט מיינעם אַ ביכל אין האַנט —
הערט נישט אויף דיין קוואַל טרערן צו פליצן.
נאָר וואָס זאָל איך, פּריצה־לעבן, טון,
אַז דיין רייכטונג קען מיך נישט רייצן — ?

כ'האָב מורא, אַז דיין באַרליאַנטן־שאַץ
וועט גיך מיר ווערן דערעסן —
ווייל איך וועל מיין הימל מיט שטערנדלעך
באין־אופן נישט קענען פֿאַרגעסן.

איך בעט דיך, מיין טייערע: לעבע וואָהל,
און האָב נישט אויף מיר קיין פּאַראיבל.
איך קוש דיר מיט גרוים דרך־ארץ די הענט
נישט איין מאָל, נאָר גאַנצענע זיבן.

און טיף אין האַרצן טראַכט איך מיר:
מיר ליגט טאַקע מער נישט אין זינען,
נאָר עפּעס צרות זיידענע
פֿון אַ דאַכטיקער פּריצהפּיניע.

איך האָב אַ קאַפּ רחמנות אויף איר,
נאָר ווי קום איך אַריין אין מיטן?
לאָז זי גיין זיך זוכן אַן אַנדערן העלד,
וואָס זאָל וועלן שפּילן דעם דריטן.

איך — און מיינע שכנים

חלילה, כ׳וויל מיך ניש באַקלאָגן —
איך האָב געוויינטלעך גוטע שכנים.
נאָר עטלעכע באַהאַלטן עפּעס,
און כ׳וויל עס נישט אַנטפּלעקן קיינעם.

וואָס בין איך עפּעס — גאָטס אַ סטראַפּטשע ?
מע׳ט מיך פאַר זייערע זינד נישט שמייסן —
און שיינע באַלעבאַטים סאַמע:
מע שטעלט זיך שיין, מע קען באַווייזן.

איך וואָלט זיי דווקא שיין באַשריבן,
סע קיצלען מיר שוין לאַנג די פינגער —
אפילו מיט אַ שיין מאַטיוול,
מע זאָל עס אין די גאַסן זינגען.

איך וואָלט מיט פליטערלעך געפליטערט,
און עס אוועקגעשיקט דער פרעסע —
ס׳וואָלט אי געקיצלט אין די זייטן,
און אי געשניטן ווי אַ מעסער.

איז, מילא, וואָס איך בין, דאָס בין איך,
נאָר ווי טון יענעם קען איך פאַרט נישט;
איך שטער נישט יענעמען, נאָר זיך גאָר,
און איך געפין מיר שוין קיין אָרט נישט.

דערפֿאַר דערצייל איך אַלץ ברמז,
ס'הייסט: מערער ווי כ'דערצייל, פֿאַרשווייג איך,
איין שכן האָט אַ נפֿקא־הייזל,
מער זאָג איך נישט, ס'איז נישט מיין דאגה.

און איינע פֿון אַ צווייטנס טעכטער
האָט זיך פֿאַרליאַפּעט אין אַ פֿעטער,
— וואָס האָט אַ ווייב מיט קינדער ערגעץ —
און לעבט מיט אים, אַ נישט געגטן.

דעם פֿאָטער שיילט זיך אָפּ דאָס פּנים,
די מוטער ווייזט זיך נישט אין דרויסן —
ס'אַ גרויס רחמנות אויף זיי ביידן,
זיי ווי טון בין איך דאָ נישט אויסן.

און איינע פֿון אַ דריטנס טעכטער
אין גאַנצע נעכט אין די אַלייען,
ווו סע שפּאַצירן הפֿקר־יונגען,
און ווו ס'אַ מאָדע גיין אין צווייען . . .

(ז'האָט דריי מאָל, זאָגט מען, שוין געשווענגערט,
נאָר — קינדער זאָלן אַנדערע האָבן . . .
מ'האָט אָפּגעטון די מיאוסטע זאַכן,
און אַלץ באַהאַלטן און באַגראָבן.)

איר'ט מיך דאָרט קיין מאָל נישט געפֿינען,
איך— אייך, מסתמא, זיכער אויך נישט;
מיר זענען ריין פֿון חטאים, זע'מיר,
און ס'גייט דערפֿאַר קיין מינדסטער רויך נישט

איך לאָז דערפֿאַר צו רו די שכנים —
כ׳האָב נישט דערציילט קיין צענטל חלק
פֿון אַלע זייערע שיינע מעשׂים,
וואָס כ׳מיאוס מיך פּשוט נאָכדערציילן.

זי שמינקט זיך און פּוצט זיך

זי שמינקט זיך און פּוצט זיך און האַלט זיך שיין —
נאָר ס׳ע קאַפּעט איר בלוט פֿון דער ליפּ, פֿון די ציין.

זי ווייזט גימנאַסטיק, ווי שיין זי קען גיין —
נאָר ס׳ע טריקנט איר אויס דער מאַרך אין ביין.

אין פֿיינסטע וואַלן רוט איר האַנט —
און איר לייב איז צעוווּנדיקט, בראַנד אויף בראַנד.

אין רייכע געוואנטן, אַ קווייט אויף אַ קווייט —
און כּלערליי גרוילן אונטערן קלייד.

אין זיידענע שלייערן איז זי געציירט —
נאָר ממש סע קריכט ווערעם אויף איר.

אַ מאָל זענען ד׳אויגן אויסגעגלייזט,
ווי אַ ליכטיקער חלום וואָלט זי דערלייזט —

נאָר זיי ווערן מטורף באַלד, ווי׳ן דעליר —
אַ זיסער חלום חלומט זיך איר —

זי לאָזט פאַרמאַטערט אַראָפּ דעם קאָפּ,
און סע דרימלען איין די שלענג אין איר צאָפּ.

זי פילט, ווי די נערוון פּלאַצן איר באַלד —
ביז אין מינדסטן אָדערל ווערט איר קאַלט —

דערנאָך וועט זי הערן אין זיך אַ געפּויק —
ס׳וועט זיך עפענען אין אירי אַ פינצטער אויג —

זי׳ט דערהערן אין זיך אַ קול, וואָס רעדט:
שטיי אויף, גיי ירשע דעם ווייטסטן פּלאַנעט.

וועט זי געבן אַ שפּרונג און וועט אָנהייבן פליען
ווי׳ן אַ זיבן־מאַטאַריקן צעפּעלין —

און זי׳ט מיטנעמען אין איר קיניגרייך
פּאַראַנאָיע און ספּאַזמעס — גלייך אויף גלייך.

די וויסנשאַפט

די וויסנשאַפט ט'מיר שוין פאַרגלייבט א שלל מיט
סודות —
און וואָס זי זאָגט מיר, ווייזט זי שוואַרץ אויף ווייס.
נאָר זי'ט די באַלקנס פון מיין פאַטערהויז צעהוידעט,
און רייסט דערפון בגניבה שטיקערווייז . . .

און פון דער שיינער וועלט פון ספירות און צינורות,
וו ס'האָט די תפילה נאָך געהאַט א ווערט,
און כ'האָב געקוקט אויף איר מיט ליבשאַפט־לעכער מורא
— געוואָרן איז א חורבה, אויף דער ערד.

זי נעמט און בלינדיקט מיך מיט בלענדנדיקן אמת,
איר ווייסער לאָמפּ פאַרשטיינערט מיר דעם בליק.
ווי זאָל איך פליען, ווי זאָל איך די הענט צענעמען,
אז ס'וואַרגט מיך אַזוי בלינד דער פאַקט, דער שטריק—?

גיי, זיי פאַרשפּאַרט אין אייביק בליאַסקעדיקע שטיבער,
וו ס'איז נישטאָ קיין שאָטן, קיין ניואַנס —
ווי'ן אונטערערדישע טונעלן־גריבער,
וו ס'לעשט זיך קיין מאָל נישט דער לעקטרעגלאַנץ.

נישטאָ קיין נאַכט, גייסט אום מיט אויפגעפּראַלטע אויגן,
סע קאַטעוועז דיך כוואַליעס נעאַנליכט.
זיי ברענען דיר די אויגן ווי מיט הייסע לויגן —
מיט פּוסטע אויגנלעכער זוכסטו זיך.

דו זוכסט מיט בלינדע טריט און קענסט דיך נישט
געפינען —
דיר דאַכט, די ערד, וואָס אונטער דיר, זינקט איין,
זי הייבט אָן רירן זיך, ווי זי זאָל שווימען, רינען —
און אַלץ מער בלענדנדיקער ווערט די שיין.

און אונטער שטילע דאַשיקעס פון מיינע דעכער
נאָך ווינט אַ לאַנגסטיקדיקע טויבנפּאָר.
און אין די אויסגעדאַכטע שדים-לעכער
אַלץ יערט ווי יונגער ווייז אַ בלאָע וואָר.

מ'האָט אַלע מיינע גוטע שדים מיר צעטריבן,
וואָס ז'האָבן נישט געטשעפּעט קיינעם נישט.
פּאַעטן האָבן לידער וועגן זיי געשריבן,
און איינגערעדטע גרענעצן צעמישט.

געוואַלד, וואָס איך צעוויים שוין היינט! נישט
נאָכצוזאָגן!
איך נעם דעם וועגנוס און דעם מאָרס אַרום . . .
נאָר עפּעס קלאָגט אין מיר און הערט נישט אויף
צו קלאָגן —
דאָס האַרץ איז אויסגעליידיקט און איז שטום.

איך דאַרף שוין אין קיין זאַבאָבאָנעס מער נישט גלייבן,
איך ווייס, וואָס ס'טוט זיך אין דער טיפסטער ערד.
מע הייסט, איך זאָל מיך מיטן האַלדז צו גאָט דערהייבן—
און כ'האָב אין האַנט אַ טאָפּל שאַרפע שווערד.

דער דימיון איז געקיילט, זיין אָרט — מיט אַש פאַר־
טרויערט.
מעט באַלד צעשלומפּערן די שטערנהייד.
אַ נייע תקופה קומט: מע רעציקלירט שוין צואה —
נאָר דער פּרימאַרגן חלשט אַלץ און בלייכט.

אַ פראַגע איז דאָך תמיד ניהאָר פונעם ענטפער —
זי הייבט זיך אויף און לאָזט זיך ווייט אַוועק.
דער ענטפער קומט די פראַגע אָפּצוטעמפּן,
און אויף איר אָנצויאָגן במאָרעם שרעק.

אַ נעפּל ליכטיקייט פאַרשטעלט פון מיר די ווייטן,
אַ פינצטער וויסיקייט מיין וועלט פאַרהילט,
איך שלאָף מיט אויגן אָפענע דורך אַלע צייטן,
אין דורכגעבליצטן מוח טירוף שפּילט.

מע זאָגט: דער מענטש איז שלעכט. — מיר ביידע גאָר
רשעים ?
כ׳וואָלט דאָך געקענט פאַר דיר זיך מקריב זיין.
איך ביים ביז בלוט די ליפּן אין פאַרלאָזטע שעהען —
איך האָב נישט מער קיין פּיתרון פאַר מיין פּיין.

ס׳איז נישט די תוכחה, ניין, נישט די שטראָף פון גאָט
ס׳איז —
נאָר ס׳איז די רישעותקייט און ס׳איז איר שטראָף אַליין.
אַ וואָרעם עסט מיין האַרץ און הערט נישט אויף צו
טאַטשען,
און קיינער, קיינער הערט נישט מיין געוויין.

ווייך געשושקע

ווייך געשושקע הער איך ליבערשט
ווי גערײדן, וואָס פאַרטרײבן,
כ'הייב אָן נאָך אַ מאָל צו גלייבן:
עמעץ קוקט צו מיר אַריבער.

גאָט איז אויך אַזוי מסתמא —
תפילות ווי די שטילע רינדער
טוליעט ער צו זיך ווי קינדער,
ווי איר עופעלע אַ מאַמע.

אַז איך שושקע, קוים צו הערן,
הערט מיך אפשר גאָט אפילו —
און ער נעמט מיין שטילע תפילה
און ער ווישט איר אָפּ די טרערן.

העט ערגעץ

העט ערגעץ

העט ערגעץ איז אַ שטעטל,
און דאָרט ווו אַלע דאָרטנס —
איז דאָ אַ טייך, אַ בלאָער,
און מיט אַ שטילן באָרטן.

דער טייך איז נאָך פאַראַנען,
נאָר ער איז שוין נישט בלאָ מער —
און די, וואָס כ'האָב געלאָזט דאָרט,
איז אויך שוין דאָרט נישטאָ מער.

די יאָרן ווייסן אײַן זאַך:
נאָר פליען און זיך יאָגן —
און איך, איין חלום, בענק נאָך,
אַז ס'איז נישט צו דערטראָגן.

וואָס דאָרט איז פֿירגעקומען —
מע זאָל עס שוין נישט ווייסן!
אַ וויכער האָט געוויכערט
און אַלצדינג אויסגעריסן.

פאַרטראָגט אַהין מיך, וואָלקנס,
און לאָזט מיך זי געפינען —
און לאָזט מיך אויף אַן אינדזל,
עק וועלט, מיט איר אַנטרינען.

אייביק

טויזנט מאָל אַזוי געשריבן —
איך בין שוין דער טויזנט איינסטער;
און מיט טויזנט יאָרן שפּעטער
וועט מען אַנדערש שרייבן, מיינסטו?

ליפּן בלייבן אייביק ליפּן,
אויך דאָס האַרץ, וואָס פילט — מסתּמא,
און די בענקשאַפט — אייביק בענקשאַפט,
און זי ציט אַריבער ימען.

אייביק וועלן בריוון קומען,
אַלערליי ידיעות ברענגען —
וועט מען זיך ביי טייל צעטאַנצן,
און ביי טייל — זיך לויפן טרענקען.

אייביק וויינען שטיל, ווי בינען,
די, וואָס שעמען זיך צו וויינען —
כאָטש די אַנגסט איז זייער אייגנס,
נישט גענומען זי ביי קיינעם.

מ'עט דעם ווייטיק טיף באַהאַלטן,
און מ'עט זיך די באַקן קנייפּן —
מ'עט זיך סיידנס נאָר פאַרזינגען,
זיך פאַרשפּילן, זיך פאַרשרייבן . . .

איצקאַן

שטעפאַן טשעל מאַרע* קוקט אַראָפּ
פון איינעם פון די שאַצער בערג,
אין אַלע טאָלן, ווייט און ברייט,
איז אויסגעשפּרייט דער ווילדער טערק.

פון זיינע ווייטע גרענעצן
איז ער דערגאַנגען ביז אַהער.
מע זשיפּעט פון זיין שווערן יאָך,
מע קען אָבער נישט זשיפּען מער.

ער שטייט און קוקט אין טאָל אַריין,
און סע פאַרבענקט זיך ווייט זיין בליק:
ער האָט צונויפגעקליבן פאָלק —
ער מוז אים אָפּטרייבן צוריק.

„איך שווער ביי דעם, וואָס אייביק לעבט —
איך הייב צון אים מיין רעכטע האַנט:
די שטערן־און־לבנה־פּאָן
נישט פלאַטערן זאָל ביי אונדז אין לאַנד !“

---

* מאָלדאַוויש־רומענישער הערשער, 1447־1504,
וואָס האָט זיך געשלאָגן קעגן די טערקן.

שטעפאַן טשעל מאַרע צלמט זיך
און לאָזט אַרויס אַ טיפֿן קרעכץ:
„איך וועל דעם טערק באַצאָלן זיינס,
איך וועל אים ווייזן וואָס ס׳איז רעכט.“

ער לאָזט זיך גיין אין טאָל אַריין —
צו זען: זיין פֿאָלק, וואָס טראַכט עס זיך?
ער טראָגט אַ פּויערשן סורדוט,
און אַ פּאָר פּאַסטעלעס פֿאַר שיך.

די קוטשמע און דאָס פּריטקעלע —
ווי פֿון אַ פּאַסטעך ביי די שאָף.
דער טאָל איז מיד און אָטעמט שווער
און גרייט זיך שוין צו רו און שלאָף.

ער גייט — פֿון וויטן וויטען זיך
צון אים די פּויערים אין טאָל,
אַז דאָס איז ער, שטעפֿאַן אַליין —
דאָס פֿאַלט נישט קיינעם איין צו מאָל.

סע ווערט פֿאַרנאַכט, איז בלייבט ער שטיין
ב׳אַ שטיבל, נאָענט פֿון אַ וואַלד.
ר׳איז מיד, און הונגעריק דערצו,
און די שפּעטזומער־נאַכט ווערט קאַלט.

ער גייט צום שטיבל צו — ס׳איז שטיל,
ער פּרוווט די טיר — זי׳ז נישט פֿאַרשפּאַרט.
ער גייט אַריין — און ס׳נעמט אים אויף
אַ יידעלע, אַן איינגעדאַרטס.

מע ווינטשט זיך „בונא סעארא“ שטיל.
מע גיט דעם גאסט א שטול ביים טיש.
„אוודאי, ווערסט דא נעכטיקן —
און מארגן וועסטו גיין, דערפרישט.“

מע גיט דעם פרעמדן וועטשערע,
מע לעשט זיין הונגער און זיין דארשט:
א מאמעליטשקעלע מיט קעז,
דערנאך א שעפער שמאטעבארשט.

די באלעבאסטע פארעט זיך,
דערלאנגט אים אלץ מיט גוטע הענט.
שטעפאן טשעל מארע עסט און דאנקט.
ניין, ניין — מע האט אים נישט דערקענט . . .

„דו ביסט א מענטש א ווארעמער,
א מכניס־אורח נאך דערצו.
איך נעם אז דיין פארבעטעניש —
כ'בין טאקע מיד, איך דארף די רו.“

מע זיצט, מע רעדט — די צייט איז שווער.
דער טערק דערקוטשעט זייער שטארק.
מע שמועסט: שטעפאן טשעל מארע גייט
צעוואלגערן דעם טערק דעם קארק.

שטעפאן טשעל מארע זיצט פארטראכט
און הערט זיך איין אין יידנס רייד.
מ'האט אים דערקענט? אומזיסט זיין שרעק . . .
ער דאנקט פאר דער גאסטפריינדלעכקייט.

איז׳ שטוב איז ווארעם, היימישלעך:
האלב־ליכטיק — פונעם אויוונפלאם.
„הכנסת־אורחים(ליבער גאסט,
דאס קומט פון אונדזער מאַש אווראַם.

דו האסט, מוז זיין, געהערט פון אים . . . “
„געהערט, אויך פון זיין זון איסאַק . . . “
דער ייד לייענט קריאת־שמע אין דער שטיל
און טוט זיך אוים דעם לייבסערדאַק.

אויף מאָרגנס מיטן טאָג צו גלייך,
ביים צווייטן, דריטן האַנגעקריי,
שטייט אויף שטעפּאַן און זאָגט דעם ייד:
„זייט אַלע מיר געזונט — איך גיי. —

נאָר פריער זאָג: ווי רופט מען דיך?“
„מע רופט מיך איציק, גוטער מאַן.“
„און איך בין, איציק, ווייסטו ווער?
איך בין עס מאַרעלע שטעפּאַן.“

דער ייד ווערט בלייך, מבולבלדיק —
נאָר ס׳נעמט אים אָן די האַנט שטעפּאַן:
„גאָט העלפט, און איך צעקלאַפּ דעם טערק —
וועט דאָ אַ יישוב זיין — איצקאַן.“

אזוי איז טאַקע אויך געשען —
דער יישוב שטייט נאָך ביזקל היינט,
אזוי זאָל גאָט אונדז ראַטעווען
פון אַלע בייזע לייט און פיינט.

(ס'איז לעבן שאָץ, מיין ווינגלשטאָט,
און לעבן שטעטל באַרדעזשעו,
און יידן וווינען דאָרט שוין לאַנג —
נאָר מע געדענקט שוין נישט זינט ווען.

און דאָרטן איז מיין טאַטע ז"ל
אי שוחט און אי ש"ץ געווען,
און פון דער ווייטנס פלעג מען קלאָר
שטעפאַן טשעל מאַרעם „שלאָסבאַרג" זען . . .)

אַליץ נאָך

אַליץ נאָך וויקלט זיך אַ וואַרעם ווינטל
פאַר די מידע מיינע וויעס
און פאַרשלייפט אַרום מיין האַלדז אַ בלאָע לענטע
און צעוואַלגערט צייט- און שטח-ווענטלעך —

און סע נעמט מיך ציען
צו אן אָטעם פון אַ נאָענטשאַפט
ערגעץ וווּ אין די אַמאָלן
אין אַ ווייטן ערגעץ, וואָס איז אַלץ נאָך שיין געמאָלן.

אַלץ נאָך עפנט מיר אַ מאָל אַ וואַרעם ווינטל
אַ שפּאַרונע
ערגעץ וווּ אין ווייטע גרינע טאָלן —
און איך ווער געוווירע,
אַז איך האָב צוריק געפונען
וואָס כ'האָב אָנגעווירן . . .

כ'האָב אַ מאָל געהערט אַ זקן,
אין פאַרטראַכטקייט, זאָגן:
ערגעץ, זאָגט מען, איז אַזאַ מין וויין פאַראַנען,
וואָגלענדיקע ווייסן דאָס, דער עיקר —
וואָס ער מאַכט דיך שיכור,
אַז דו טרינקסט אים נישט אַפילו;
דאַרפסט נאָר אין געדאַכט זיך ציליען
צו אַן אָרט, וואָס איז דיר טייער,
נאָר דו קענסט אַהין נישט קומען;
דאַרפסט עס נאָר אין אומעט
שעפּטשענדיק דערמאָנען . . .

אין דער שטיל פון די פאַרנאַכטן

אין דער שטיל פון די פאַרנאַכטן
גיי איך אום אין איינע קלעמען:
מעג איך, כאַטשבע אין דער דאַכטונג,
קומען — דיך אַרומצונעמען?

איז אַ בושה אויסצוזאָגן?
ווי איך מאַך נאָר צו די אויגן,
נעמט דער דימיון מיך פאַרטראָגן,
ווי סע וואָלט מיך ווו געצויגן.

איבער ימען נעם איך פליען,
איבער בערג און איבער טאָלן,
איבער גערטענער, וואָס בליען,
אַז ס'איז שווער זיי אויסצומאָלן.

אַז איך קום צו דיר דערפלויגן,
שטייען אָפן טיר און טויער,
אויף אַ פענצטער זינגט אַ פויגל,
איז זיין ליד, ווי איך, פאַרטרויערט.

איך פאַרשפּאַר דעם פויגל פרעגן,
וואָס זיין טרויער קען באַטייטן,
„זי'ז אַוועק צו דיר אין ווייטן,
נאָר איר האָט זיך נישט באַגעגנט . . . "

צעווישן די וואָלקנס

צעווישן די וואָלקנס שטייט געכתיבהט
וואָס ס'וועט אַ מאָל נאָך ווערן וואָר —
ווי אין מיין חלום־היכל די פּרות . .
וו איטלעכע פּרי זוכט איר פּאָר.

די הענגלעך טרויבן הענגען אויף פעדעם,
אַזוי ווי אין אַ סוכה, לנוי —
זיי שוועבן אַזוי ווי יונגע שטערן,
וואָס זענען אַט ערשט אַרויס אויף דער בלוי.

אויף דעכער שטייען שטאַרע קוימענס —
איך ציליע מיך דורך ווי אַ רויך דורך זיי;
און קוק איך פון זיי אַראָפּ אויף די דעכער,
איז מיר אי גוט, אי סע טוט מיר וויי.

איך זע, ווי איך גיי דאָרט איינגעבויגן
און זוך דאָרט אַן אוצר אַ לעבן שוין לאַנג — — — —
אין טיפסטן חלום אפילו פילט מען
דאָס אייגענע האַרץ, וואָס איז עלנט און קראַנק.

איך קוק אַראָפּ מיט פרייד־געציטער —
איך זע, ווי אַרום מיר ווערט עפּעס קלאָר:
אַז וואָס סע ווייזט מיר נישט דער חלום,
פאַרמאָג איך אויך נישט אויף דער וואָר.

פֿאַר נאַכט

פֿאַר נאַכט. פֿאַרגעסענע געראַנגלענישן
דערמאָנען זיך, און איינגעשטילטע טרערן
אַ ווינטל קומט, פֿון מיר די אַנגסטן ווישן,
און הייבט מיר אויף די אויגן צו די שטערן.

ס'איז עמעץ נאָענט לעבן מיר, אַרום מיר —
אַן אָטעמען, אַ וואַרעמס, קען איך הערן.
אַ דאַנק דיר, ווינטל, וואָס דו ביסט געקומען
אַ ליבלעכער שליח מיר צו ווערן.

פֿון וואַנען קומסטו איצט, פֿון וועלכע ווייטן?
צי טאָרסטו עס מיר טאַקע נישט אַנטפּלעקן?
געמיינט, אַ וווּנד פֿאַרהיילט זייך מיט די צייטן —
און זיך גענאַרט: איך וועל זיך מיט איר עקן.

סע עפֿענען זיך אויף פֿאַרקלעמטע ווייען,
וואָס קומען מיר דעם טיפֿן שלאָף פֿאַרקלערן —
מיר בלאָנדזשען דעמאָלט ווי'ן אַ וואַלד, אין צווייען,
און קענען איינס דעם צווייטנס האַרץ דערהערן.

מיר דאַכט נאָך אַלץ, אַז עמעץ וואָרט, כ'זאָל קומען
איך ווייס נישט וווּ, נישטאָ ביי וועמען פֿרעגן.
אַ דאַנק דיר, ווינטל, דו פֿאַרגינסט מיין אומעט
אַ פֿאַר געציילטע ביטער־זיסע רגעס.

זיסקינד האָרליק און דאָס פּלעשל ווישניק

די מעשה פון זיסקינד האָרליקן,
בנאמנות, מעגט איר הערן.
איר'ט האָבן הנאה, זאָג איך אייך צו,
און ס'קען זיין אפילו: אַ ווייבספּאַרשוין
זאָל זי לייענען, און לאָזן צוויי טרערן.

מיר האָבן די מעשה נישט אויפגעטראַכט,
נאָר זי איז זיך טאַקע פאַרלאָפן
ביי אונדז אין שטאָט מיט אַ דור צוריק;
סע מוזן נאָך זיין היינט אַלטע לייט,
וואָס געדענקען זי — לאָמיר האָפן.

* * *

אַז זיסקינט האָרליק פלעג קומען אַהיים,
נאָך אַ טאָג אין געוועלבל, אין ווינטן —
מיטן אָרעמען ביסל לייזעכץ אין האַנט —
איז אים אויסגעקומען זיך וואַרפן אין טייך.
זיך הענגען אָדער שיסן.

נישט איין מאָל פלעג ער אַ בורטשע טון:
ווי לאַנג איז דער שיעור זיך צו קלעמען?
גענומען די פיס אין די הענט אַריין
און גענומען זיך שפּאַנען, ווי מ'וואָלט אים געיאָגט,
צום טייך — און אַ סוף זאָל עס נעמען!

אַריין אַז ווידוי אין טייך אַריין —
די סוטשאַווע איז אָבער אַ שטילע:
זי ווייסט, דאַכט זיך, ווער ס'איז אַריין אין איר,
און אַ מאַן, אַ טאַטן גיט זי נישט נאָך
זיין פאַרקערטן, פאַרבלאָנדזשעטן ווילן: —

אַ גוי האָט קרוזען און אַריין נאָך אים —
אין די פּאָסטעלעס און אין פוטער —
און אים אַהיימגעברענגט האַלב טויט —
און צאָרטל, זיין ווייב, האָט אים איינגעשטילט:
„ס'אַ גוי? ס'אַ מלאך, אַ גוטער . . .״

עפּעס שלעפּן אים שווערע, שטרויענע שטריק
אין קרעטשמע אַריין — אויף מינוטן.
דער קרעטשמער, ניבעטע, בעט זיך ביי אים:
„גיי, זיסקינד, אַהיים צו ווייב און קינד —״
נאָר סע העלפט נישט מיט בייזן, מיט גוטן.

צוויי כוחות רייסן זיך איבער אים —
און ער איז אַ שפּילכל אין מיטן —
סע ציט אים אין קרעטשמע, ווי אַ מאַגנעט,
און סע יאָגט אים פון דאָרט דער געדאַנק פון דער היים—
און ער פילט, אַז ער ווערט פאַרשניטן.

ער ראַנגלט זיך מיט די שווערע שטריק,
ביז ער שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות —
און בלייבט אין שאַנק אַ האַלבע נאַכט,
און שלעפּט זיך קוים פאַר טאָג אַהיים,
און צאָרטל, זיין ווייב, איז אים מוחל.

ער ווייסט, זי'ז אַן אשה צנועה, אַ טויב —
ער קומט נישט צון אירע קנעכל.
„ס'וואָלט מיר ניחאר געווען, ווען דו קאַטעוועסט מיך,
ווי איידער זאָלסט ליגן שיכור אין שאַנץ —
ביסט אַ טאַטע פון קינדער, באַרעכן.״

זי הייסט נאָך דער מוטער שרה אליין,
און איז שיין ווי רחל אמנו,
און גאָט האָט איר געבענטשט די טראַכט,
און געשענקט איר שרה בת טובימס הארץ
און, דאַכט זיך, אַלע חנען.

כ'וואָלט זי ליב געהאַט אויך אָן דעם חן,
ווייל זי'ז גוט ווי ברויט מיט פּוטער.
מע קען אין די ביכלעך שרייבן פון איר —
די גוטע פרומקייט טיילט זי אויס,
די געטריישאַפט פון ווייב און פון מוטער.

איך זע, ווי ווייבער פּוצן זיך —
אין וואָס זאָל זיך „מיינע״ פּוצן?
די שיינקייט קוואַלט פון איר ליכטיק הארץ —
אין די אויגן אַריין, אויפן פנים און לייב —
די שיינקייט קומט פון איר גוטסקייט.

„איך נעם נישט איין קיין בושות מיט דיר,
נאָר פאַר וואָס זאָלסטו, נעבעך, ליידן?
שוין לאַנג געדאַרפט צוגיין צום רבין, מיין מאַן —
ער זאָל געבן אַ סגולה, ווייזן אַ נס,
אַז זאָלסט קענען די קרעטשמע מיידן.״

ר׳איז געבענטשט מיט קינדערלעך, ברוך השם,
ווי ביימעלעך אין די בייטן.
מע קען אויף זיי זאָגן: בלוט און מילך —
(און סע האַלט זיך ביי אים קיין מיזיניק נישט —)
און שענער איז איינס פונעם צווייטן.

מיט אַלעמען, דאַכט זיך, איז ער געבענטשט,
נאָר פרנסה — קוים וואָס סע ציקעט.
ווי קען, מיינע שונאים, נישט פּלאַצן די גאַל,
אַז פאַר ווייב און קינדערלעך, קיין בייז אויג,
איז נישטאָ דער סאַמע עיקר — ?

מע בעט ביים מאַן און ביים טאַטן ברויט,
מע בעט אַ מלבוש, שיכלעך;
מע הערט נישט קיין טענות, חלילה וחס . .
און צאַרטל איז טאַקע אַ שטילע טויב —
נאָר ווער ווייסט, וואָס אין האַרץ ביי איר וויכערט.

„איך מאַן ביי דיר מער דען, וויפל דו האָסט?
וואָס דער אייבערשטער באַשערט אונדז,
נעם איך אַ פּאַר ליב און איך זאָג: אַ דאַנק;
איך שנייד מיר די פינגער, נאָר כ׳בעט דיך נאָר:
מייד אוים די לצים־ערטער.

כ׳על שפּאָרן אַ גרייצער איבער דער וואָך,
כ׳על שפּאָרן פון אָרעמען ביסן,
און דיר ברענגען אַ גלעזל משקה אהיים —
אבי זאָלסט נישט בלייבן אין שאַנץ איבער נאַכט,
וואָס מע זאָל שוין אַזוינס ניט וויסן.״

ער ליגט אין די שאַנצן, די בושה איז גרויס,
נאָר צאָרלס ווייטיק איז גרעסער:
ווי קען איך, אַן אשה, אים ראַטעווען,
אַ זינדיקע אשה און גאָרנישט מער — ?
גאָטס הילף קען נאָך קומען פונדעסן.

„איך האָב דאָך שוין, דאַכט זיך, אויסגעפּרוווט
וווּ ס'איז דאָ נאָר אַ שפּראַך און אַ סגולה."
דערווייל איז געשטאָרבן ביים רבין, נישט לאַנג,
דער שמש — און מ'האָט נאָך איר מאַן געשיקט —
שפּייסענאַכטס, אויף דער וואָך, דער פּולער . . .

* * *

אין קרעמל מיט סחורה, מישטיינס געזאָגט,
דערפילט ער צו מאָל, אַז ער טרענקט זיך:
מע וויל נישט קויפן קיין בעט אַן פיס,
קיין שאַפע אַן טירן, קיין רעם אַן אַ בילד,
און נישט קיין צעפּאַרענע בענקלער;

קיין מעשענע לייכטערס, וואָס וועגן אַ פּוד,
וואָס דער גרינשפּאַן האָט זיי צעגעסן;
קיין פּויעריש חופּה־קלייד, געל שוין ווי וואַקס,
און אויסגענייט מיט פּאַטשערקעס,
נאָר די כלה, ווייזט אויס, איז פאַרזעסן;

קיין אויסגעשטאָפּטן קאָפּ פון אַ בער,
קיין מאַטראַץ, צוויי הירשענע הערנער;
קיין זעלנעריש רעקל מיט מעשענע קנעפּ —
הכלל, מע קויפט נישט, די צייט איז געלייגט,
מע מוז טערפּען, סע העלפט נישט קיין צערענען.

ער האָלט זיך מיט אַלע כוחות איין,
נאָר סוף־כל־סוף פאַרשפּילט ער —
מיט די עטלעכע גרייצערס לייזעכץ אין האַנט
פאַרבלאָנדזשעט ער גלייך אין קרעטשמע פאַר נאַכט
נאָך עפעס, וואָס וואַרעמט, וואָס קילט אויך.

די וואָכנטעג שטופּט מען שוין דורך ווי נישט איז,
נאָר שבת ביי זמירות איז אַנדערש:
דער טיש איז אָרעם, די זמירות — זיס,
ער זינגט ביי גלייך מיטן שענסטן גביר,
און די שטוב איז איבערגעוואַנדלט.

איז שבת הערט מען די זמירות אין שטוב,
נאָר ביטער איז אין דער וואָכן —
די טריניטשקע שטייט און טענהט שטום:
איז דאָ דען אַ שענער געזאַנג אויף דער וועלט,
ווי פון טעפּלעך בשעתן קאָכן?

„וואָס טוט מען, צאַרטל, ראַטעווע מיך —
איך בין נישט פון ווילטאָג קיין שיכור,
ווי אַן עיפּוש מיידט מען אוים מיין געוועלב —
נישטאָ אויף דער וועלט קיין משוגענער הונט,
וואָס זאָל וועלן מיינע אַנטיקן."

נישט איין מאָל געהאַלטן שוין פולע הענט
מיט בעבעכעס פונעם קלייטל,
מיט דראָבעלעך — און געוועזן שוין גרייט
אַרויסטלימען אַלץ אין גאַס אַרוים —
נאָר די גאַס וואָלט געגומען טרומייטען . . .

אויפן וועג אהיים איז ער קוים דערגאַן
צו דער פּריפּענאַציע „דריי קראַנען״,
געהייסן זיך געבן אַ גלעזל י״ש —
דעם ווייטיק פאַרטרינקען, די בושה אין בלוט,
און ווייטער בידעווען קאַנען.

ער נעמט פונעם קלייטל אַ קליינינקייט
און גייט זי צום קרעטשמער פאַרזעצן.
ער גיט זי אַוועק פאַר האַלב אומזיסט —
ער בעט זיך רחמים: „איך פיל — איך שטאַרב,
אַכיבע דעם האַלדז כ׳על באַנעצן.״

דאָס קלייטל ליידיקט זיך ביסלעכווייז אויס,
נאָר אָסור, מע זעט נישט קיין קונים . . .
סע שלעפּט אים אין שענק, און סע ציט אים אהיים —
די שענק איז אַ מיקלט־אָרט, אויכעט דער שאַנץ,
נאָר אהיים קומט ער וויינען און ווינען.

ס׳איז וואָר, סע שלעפּן אים פינצטערע שטריק,
נאָר ס׳איז דאָ אַ פאַדעם, אַ דינער,
וואָס ציליעט דין אים דורך דאָס האַרץ
און בינדט אים צו צו ווייב און קינד —
אַז קיין בייז זאָל זיי נישט געפינען.

* * *

דער רבי האָט געשיקט נאָך אים —
פאַרשטייט מען: נישט פּשוט קיין שיקן . . .
„דו זעסט דאָס פלעשל, וואָס שטייט אויפן טיש?
וועסט אויפשטיין תחיית־המתים מיד —
וועסטו האָבן דאָס האַרץ צו דערקוויקן.

דאָס פּלעשל ווישניק גיב איך דיר מיט
אין קבר, נאָך מאה ועשרים,
וועסט האָבן אי זיך צו דערקוויקן דאָס האַרץ,
און אי וועסט מכבד זיין גוטע־פריינד —
ווייל דערפון ווערט די משקה נאָך בעסער . . .

נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט, זיסקינד, מיין קינד, —
דו וועסט זוכה זיין טרינקען בכבוד
און טרינקען לחיים מיט אים אַליין,
וואָס מיר וואַרטן שוין אַלע אַזוי אויף אים —
מיטן גואל, משיח בן דוד.

נו, נאַ דיר דאָס פּלעשל, און היט עס אָפּ —
און איך ווינטש דיר, זאָלסט זיין אַ בעל־זוכה,
וועסט טרינקען לחיים פון היינט מאָל אָן
נאָך איטלעכן דאַוונען, מיט אַלעמען גלייך —
און וועסט ביסלעכווייז קומען צו כוחות . . . ״

ר׳האָט געגעבן דעם רבין די האַנט, און געזאָגט,
אַז ער האָפט: ער וועט מער נישט טרינקען.
האָט ער נישט געטרונקען. אַ וואָרט איז אַ וואָרט.
די פּרנסה האָט זיך פונעם אָרט נישט גערירט,
נאָר געוואָרן איז פּאָרט עפּעס גרינגער . . .

ר׳האָט געהאַלטן דאָס פּלעשל פופצן יאָר,
— אַ תקיעת־כף געגעבן —

זיך געשפּיגלט דערין ווי'ן אַן אבן־טוב,
געשמייכלט דערצו, גערעדט דערצו:
מיטן אייבערשטנס הילף, מ'עט דערלעבן . .

אַז זיסקיינד ט'זיך אָפּגעשיידט פון דער וועלט,
איז געקומען די שטאָט, די גאַנצע,
באַלייטן אים, נאָר מע טראָגט אים נישט —
די נושאי־המיטה שרייען: ער פליט,
ווי דעם קבר אַקעגנצוטאַנצן . . .

און מע זעט בחוש: ער גיט אַ כאַפּ
אין די פינגער דאָס פלעשל, דאָס זיסע,
און דרייט זיך אויס צו דער מיזרח־זייט,
דעם בן־דוד בעסער און גיכער צו זען —
אַ לחיים אַנצוגיסן

און בשעת מ'האָט מחילה געבעטן ביי אים,
אַ מינוט פאַר סתימת־הגולל,
האָבן מענטשן געזען: ר'האָט אַ שמייכל געטון —
מ'האָט זיך איבערגעשראָקן: שמע ישראל!
און טייל האָבן געשעפּטשעט: אַז וואויל אים . . .

לייג איך מיך אַנידער

לייג איך מיך אַנידער
אויסצורוען די ביינער
און זיך צו פאַרגעסן —
כ'וויל דאָך גאָרנישט מיינער —

קומט מיר אוים זיך לייגן
אויף דער זייט, דער לינקער,
נעמט באַלד א דערמאָנונג
מאָדנע צו מיר ווינקען.

ליג איך שוין מיט אויגן
אָפן, אויפגעריסן,
און דער זיסער דרימל
וויל פון מיר נישט וויסן.

קומט מיר אוים זיך לייגן
אויף דער זייט, דער רעכטער —
נעמט באַלד א דערמאָנונג
אַרום מיר זיך פלעכטן.

ליג איך שוין מיט אויגן
אָפן, אויפגעריסן,
און דער זיסער דרימל
וויל פון מיר נישט וויסן.

מוז איך מיך שוין לייגן
אויף דער מידער פלייצע —
הייבט באַלד אָן אַ בענקשאַפט
טיף אין מיר צו פלייצן.

וועמען ברענגט די בענקשאַפֿט?
ס'איז נישט שיין צו זאָגן —
נאָר איך ליג אַזוי שוין
ביז סע הייבט אָן טאָגן.

מיט דער בענקשאַפֿט קומט ווער
ווי אַ טויב געפֿלויגן —
פֿלי איך זיי אַקעגן
מיט פֿאַרטרערטע אויגן.

מזל־טוב אונדז, מזל־טוב

מזל־טוב אונדז, מזל־טוב !
לאָמיר עפּעס זינגען —
מ'האָט דעם ברעזעביימעלע
אָנגעטון אַ רינגל.

אַ קידושין־פֿינגערל
און אַ בראָנזעליעטל;
ווינטלעך גנבענען זיך צו —
מיטן קוק אַ גלעט טון.

די בעריאָזע שטייט פֿאַרטראַכט,
קוים וואָס איינגעבויגן —
וואָס באַדאַרף די גאַנצע וועלט
קוקן איר אין ד'אויגן?

קום שוין גיכער, פֿרילינגנאַכט,
מיטן הימל שטערן —
כ'וויל נישט, מע זאָל זען אויף מיר
וואָס איך האַלט אין קלערן . . .

ווו איז זי איצט ?

ווו איז זי איצט, די שיינע מויד
פון דאָרט, פון טשערנאָוויץ הבירה,
וואָס היינט, נאָך מער ווי פופציק יאָר,
געדענק איך נאָך די אויגן אירע?

די אויגן און איר שיינעם שטעל —
גענוג געמאָלן! זייט מיר מוחל,
אַזאַ פּערפעקטע פרויגעשטאַלט
באַשרייבן — נישט פאַר מיינע כוחות.

מע וואָלט געמיינט: זי פּוצט זיך אַליין,
כדי זי זאָל געפעלן ווערן —
זי'ט נישט געוווּסט ווי שיין זי איז —
איך ווייס, איך קען מיך פאַר אייך שווערן.

די ליליענגאַס איז לאַנג און שמאָל;
די גאַרקיך פון די „פועלי־ציון"
איז דאָרט, ווו יידן האָבען אום.
און אפשר הונדערט קרעמלעך בליען.

אַז זי'ט זיך איידל דורכגעשטופּט
צעווישן די באַדעקטע טישן,
האָט מען פאַרכאַפּט איר נאָכגעקוקט,
ווי זי וואָלט אָפּגעטון אַ כישוף.

מיט פולע מיילער, אָפּענע,
האָט מען איר נאָכגעגאָפּעט שטילע —
זי ווייסט נישט, אַז מע קוקט איר נאָך,
נישטאָ ביי איר קיין חשד אפילו.

זי'ט נישט געקוקט צו קיינעמען —
ס'האָט פון איר אָפּגעשטראַלט אַ תמימות —
איך זאָג דאָך אייך: מיר פעלט די שפּראַך
צו שרייבן וועגן איר אַ הימען.

אַ טשערנאָוויצער? ווייס איך וואָס!
פון בעסאַראַביע, פון אַ שטעטל,
וווּ קיין פּרנסה איז נישטאָ,
כאָטש גיי פון טיר צו טיר און בעטל.

האָט מען זיך כוואַליעסווייז געלאָזט.
קיין טשערנאָוויץ אין די פאַבריקן —
און סאַמע יונגוואַרג, שטיקער גאָלד —
נאָך אַרבעט, און מע חלומט גליקן . . .

וווּ איז זי איצט, די שיינע מויד
פון דאָרט, פון טשערנאָוויץ הבירה,
וואָס היינט, נאָך מער ווי פופציק יאָר,
געדענק איך נאָך די חנען אירע — ?

איז זי געוואָרן וווּ אַ ווייב?
און וויפל קינדער ט'זי געבוירן
און זיי געשאָנקען אונדזער פאָלק — — —
צו זי'ן אין פלאַם געגאַן פאַרלוירן — ?

צי האָט זי טעכטער, אָט ווי זי,
געשענקט איר פאָלק, דעם אומגעיאָגטן;
צי האָט זי אין די שטאָטן זיך,
צי גאָר אין לאַנד, אין צוגעזאָגטן?

אַזעלכע טעכטער, ליבע פריינד,
איז אַפּצושאַצן גאָרנישט מעגלעך:
אַ פאָלק איז ווייט געבענטשט מיט זיי,
און האָט אין זיי זיין גרעסט פאַרמעגן.

איך האָב שוין נאָכגעפרעגט ביי פריינד,
וואָס ווינען ווו די וועלט אַן עק האָט:
„ווו איזזי, ווו?" — „דו חלומסט נאָך . . .
וואָס דאַרף מען אַלטע ווונדן וועקן ? . . ."

נישט קיין פּאָדעם פרייד

מיר לייגט זיך נישט דאָס מויל צו רעדן קרום.
איך האָב מיך אָפּגעלערנט פונעם אוּנטווינטל —
אָט איז עס דאָ, אָט נעמט עס מיך אַרום,
און אָט פאַרשווינדט עס.

כ׳האָב מיך פאַרחלומט אין אַ שטילסטן וואָרט.
לבנה־שטויב האָט מיר דעם קאָפּ פאַרפּראָשעט.
דאָס האַרץ האָט זיך אַ ריר געגעבן פון זיין אָרט,
נאָר אויף קיין רגע האָט דער טרויער זיך נישט
איינגעלאָשן.

געמיינט, אַריינגעהערט אין מיר די שירה פון די שטערן,
געמיינט, איך האָב דערפאַר די שטילסטע ווערטער
צוגעקליבן.
דאָס פענצטער מיינס פאַרלאָפן איז מיט נעפּלדיקע
טרערן —
אוי, גאָט, איך האָב דאָס ליד מיינס נישט דערשריבן.

געמיינט, מיך רופט אַן איידעלע גראַפּיניע —
איך האָב איר נאָכגעוואָנדערט , נאָכגעבלאָנקעט,
מיך אָנגעכאַפּט אין חלום־צוויטן, עפּעס צו געפינען —
נאָר זי האָט מיר אַפילו נישט קיין פּאָדעם פרייד
געשאָנקען.

וואָס זשע טויגן מיינע לידער ?

כ'האָב דעם טאַטנס איידלע גלידער,
אָבער עפּעס נאָך פאַרמאָג איך פונעם טאַטן:
פון זיין לויפנדיקן טייך ניגונים
און פון זיינע סידור־מחזור־דיקע „שטיקלעך"
ציקעט
שטיל, פאַרמאַטערט,
מיין שיגעון צו לידער.

אַז דער טאַטע פלעג פאַרציען אַ ניגון
אין אַ מסיבה פון ידידים,
פלעג דאָס לייב ביי זיי זיך נעמען וויגן,
און דאָס נפש פלעג אַוועק פון די ירידן —
אין די עולמות־עליונים.

איך מיט מיינע לידער,
ווידער,
צווישן אָרעמלעכע יידן וווין איך —
נישט איך קען זיי העלפן אין דער בידע,
נישט דערמינטערן די צוגעשלאָגענע געמיטער.

וואָס זשע, טאַטע, טויגן מיר די לידער?

צוועלף לידער

(פונעם בוך „אַ סטעזשקע“, מאָנטרעאַל, 1940)

אַליין

כ׳בין אַליין דער וועכטער,
און אַליין דער טויער,
מאָרנע דינע קלאַנגען
צימבלען אין מיין אויער.

כ׳בין אַליין דער וועכטער,
און אַליין די טיר.
ווייטע רעגן־בויגנס
פינטלען טיף אין מיר.

ס׳נעפּלט אין מיר טרויער,
ס׳זוניקט אין מיר פרייד —
וויפל ס׳נעמט אַ רגע,
ווי אַז אויגנבליק פאַרגייט . . .

כ׳האַלט דעם טויער אָפן —
זאָל די פרייד אַריין:
טריפט די פרייד אין טראָפּנס
און סע פלייצט די פּיין . . .

געטאָ־וויזיע

אַ שטעטעלע אויף שמאַכטנדיקע זאַמדן.
הויקערדיקע גלאַצן צו די ראַנדן.

מאַמעס חרובע אין בלינדע פענצטער,
טאַטעס — ווי בייטאַגיקע געשפּענצן.

שאַטנס טויט אין זייערע באַקן־בעקנס,
די הענט — צו שוואַך, אין תפילה זיך צו שרעקן.

דער הימל איבער זיי — ווי איינגעבראָכן,
און ווי באַוואַקסן מיט מצבה־מאַכן.

האַלבע נאַכט, אַ בליצנשניט אין הימל —
כביכולס קריעה־ריס אויף זייער אומגליק.

וואַנזעטי

איך פֿאָר, פֿאָר טאָג, פֿאַרדינגען מײַנע גלידער.
די טראַמבאַן, דאַכט, װערט פֿון אַ שד געיאָגט.
ס'עס נודעט מיך דאָס ליד פֿון אירע רעדער —
און אָט אַזוי אַ הײבט זיך אָן מײַן טאָג.

די טראַמבאַן איז געפּאַקט מיט אַרבעטשקלאַפֿן.
טײל מידע קעפּ אויף אַקסלען באַמבלען־אום
װי מאַריאָנעטן, פֿונעם נאָענטן האַפֿן
װעקט פֿון אַ שיף אַ װײנענדיק געברום.

אויף אַלע פּנימער ליגט אײַנגעשניטן
פֿון נעכטן נאָך די נישט פֿאַרװעפּטע מיד . . .
קומט פֿאָר אַ קלױסטער — רירט מען אָן דאָס היטל.
(ס'איז פֿון געװױנשאַפֿט מער, װי פֿון געפֿיל.)

דאָס האַרץ דער שטאָטס קלאַפּט האַסטיק אויף די גאַסן.
איר בלוט איז סאַמע אויל און גאַזאָלין.
איז מוח פֿון דער שטאָט — אַ שטענדיק בראַזגען,
איז פּולס — דאָס רודערן פֿון אַ מאַשין.

און פלוצעם — זע נאַר... ס'זיצט... סע זיצט וואַנזעטי!
(סע טוט אַ שניט אַ לאַנג־פאַרשטילטער וויי,)
איך קוק אויף אים און קען מיך גאַר נישט זעטן —
זיין האָלדז, זיין נאָז און זיינע אויגן צוויי!

זיין שטערן, זיינע באַקן, זיינע ליפּן, —
די וואַנציעס דעקן־צו זיין ליפּנפּאָר.
כ'זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך מיך צעכליפּעט
אַט דאָ אין מיטן רעשיקן געפּאָר.

וואַנזעטי פאַרט פאַרדינגען ווו די גלידער.
זיין אַרבעטס־פאַרטעך איז פון גרוי געוואַנט.
ער בייגט זיך איבער זיינע קני אַריבער
און האַלט אַ מיטיקס־קעסטל אין דער האַנט.

ער זעט נישט, אַז איך האָב מיך צוגעקליבן
גאַר נאָענט צו אים מיט שטילע, שטילע טריט . . .
ס'דערמאָנט זיך: אויגוסט, ניינצן־צוואַנציק־זיבן — — —
און באָסטאָן, טויטן־קאַמער — און מער ניט . . .

ווער איז ער, אַט דער שטילער האַרעפּאַשניק?
און ווייסט ער, וועגן וואָס איך טראַכט אַצינד?
דאָס האַרץ דער שטאָטס קלאַפּט האַסטיק אויף די גאַסן,
און מיינס האָט זיך פאַרחלומט ווי אַ קינד . . .

װאָלט איך זײַן אַ פּאַסטעך

װאָלט איך זיין אַ פּאַסטעך
און געפּאַשעט רינד —
װאָלט איך מיך געחברט
מיטן באַרג און מיטן װינט.

װאָלט איך זיין אַ ספּלאַװניק
און געטריבן װאַלד —
װאָלט איך נאָר געזונגען
און װאָלט נאָר געשאַלט.

נאָר כ'בין אַ ציגײַנער
און פיר אום אַ בער —
און אויף די מאַרקן טאַנצט ער
אַ מאָרנעם אומעט־שער . . .

איבער די געמאַרקן
שלעפּ איך מיך אַרום —
אַזוי װי אַ פאַרמישפּטער,
מידערהייט און שטום . . .

דער בער גייט נאָך פאַראומערט,
אין דער נאָז אַ רינג —
װי אָסיען־רעגן פאַלן אויף מיר
די מוטנע קייטנקלינג.

און אַז דער בער נעמט טאַנצן —
טאַנץ איך מיט אים מיט . . .
און סע בריען אין מיין לייב
די טיפע קייטנשניט.

איך ווער אויס ציגיינער
אין בין דער בער אַליין —
און איך גיי נאָך פאַראומערט
מיט אַ פאַרשעמט געוויין.

נאַכט, געטרייע מאַמע

נאַכט, געטרייע מאַמע,
קום און דעק מיך צו.
זאָל כאָטש אויף אַ רגע
זיך אומקערן מיין רו.

נאַכט, געטרייע מאַמע,
קום און וויג מיך איין.
זאָל כאָטש אויף א רגע
איינדרימלען מיין פּיין.

נאַכט, געטרייע מאַמע,
ניטע גיי אוועק.
טרייב כאָטש אויף אַ רגע
פון מיר אָפּ די שרעק.

סע טרעפט

סע טרעפט,
אז ס'טראָגט אַ מאַמע אונטערן האַרץ אַ קינד,
און שפּינט
אַרום דעם דרימלענדיקן לעבן אין איר אײַנגעווייד
חלומות אַלערליי . . .
ביז ס'קומט די מזלדיקע שעה —
זי טראָגט עס אויס, מיט וויי.

נאָר ס'איז דער מאַמען נישט באַשערט
קיין פרייד —
דאָס ליכטעלע פאַרלעשט זיך נאָך אַ חודש, צוויי —
און ס'נעמט עס צו די ערד . . .

דער מאַמען בלייבט אין האַרץ אַ וווּנד,
וואָס היילט זיך נישט, זי נעמט זי מיט אין גרוב.
דער מאַמען פלאַפּלט־נאָך אין שטוב
דעם עופעלעס גערייד — — —
און ווו זי שטייט און גייט,
זעט זי דאָס קינד פאַר זיך

אין חשבונט אין געדאַנק,
ווי אַלט עס וואָלט געוועזן אַצונד.
דער מאַמען בלייבט אַ ווייטיקשטריק אַרום דער דיך . . .
דער מאַמען בלייבט אַ טרויער־כמאַרע אין געמיט,
און פון די ליפּן וויינט ביי איר אַראָפּ אַ נישט־דערזונגען
וויגנליד.

ס'איז מיר

ס'איז מיר אזוי ליכטיק,
ווי דעם פייגעלע אין זיין זינגעז,
ווי דעם וואַסערל אין זיין פליעסקעז,
ווי דעם ווינטעלע אין זיין פליעז,
ווי דעם קאַרנבלימל אין זיין בליעז . . .

ס'איז מיר אזוי פינצטער,
ווי דער ווערבע אין איר וויינעז,
ווי דעם לעמעלע אין זיין בלאָנדזשעז,
ווי דער סאָווע אין איר קלאָגז,
ווי דעם חשוון־רעגן אין זיין קדיש־זאָגן . . .

שבת־באַלאַדע

(.1

פאַר אַ קרעטשמע לאַדט מען אוים
בייכיקע פעסלעך ביר.
מע לאָזט זיי אַראָפּ אין אַ קעלער
דורך אַ זייטיקער טיר.
אַ קרעמער שטייט פאַר זיין געוועלב
און גיט זיך נישט קיין ריר.

אים צופוסנם ליגט
אַ קעצל אויף דער שוועל;
און לעקט די לאַפּקע און וואַשט זיך
די סאַמעטענע פעל.
אַ ראַדיאָ פאַרפּלייצט די גאַס
מיט הייזעריק געטרעל.

אַ שיכור, אַ צעבראָסטעטער,
טאַפּעט זיך אַהיים,
הענט און פּנים אויסגעשמירט
מיט קאַלעך און מיט ליים.
אַ דאַמע אַ באַמאַליעוועטע,
קאַטשעט זיך אין גיין.

(.2

„קויף דיר, מיין קינד, אַ מיצווה,
און פיר מיך אַריבער די גאַס . . . "
אַז איינגעדאַרט באַבעלע בעט מיך,
דאָס פּנימל — עפּלקוואַס.
די אויסגעלאָשענע אויגן
זענען טרערן־נאַס.

איך פיר זי די גאַס אַריבער
אַזוי ווי מע פירט אַ קינד
אַ דערמאָנונג רירט מיך אָן,
אַזוי ווי אַ וואַרעמער ווינט.
איך קוק אויפן באַבעלעס הענטל,
אויף די אָדערלעך בלאָע טינט.

איך בייג מיך אראָפּ צום באָבעלע —
אַזוי ווי אַ מיידעלע איז זי קליין,
און טראָגט אַן אַלטן קרבן־מינחה,
מיט אַ טעוועלע פון ביין.
איך פיר זי אַזוי ווי אַ שלעפעריק קינד
אַרויף די טרעפּ פון שטיין.

איך גיב אַ דריי די קליאַמקע,
און כ׳פיל אַ מאָדנעם שניט . . .
איך פיר זי צון אַ שטענדער צו,
מיט שטילע, שטילע טריט.
דער האַלבער מיניַן יידן
הערט ניט, זעט מיך ניט . . .

איך שטיי איבערן באָבעלע
ווי איבער אַ הייליקייט
זאָג מיר עפּעס, באָבעניו,
איך הער, כ׳בין אָנגעברייט.
זי גיט אויף מיר אַ שמייכל
און, ווי ליכט, פאַרגייט . . .

איך קוק מיך אום . . . איך זוך איר האַנט,
אַזוי ווי אַ קינד אין וויי.
פון מיינע ליפּן רייסט זיך
אַ פאַרשטומט געשריי.
די שול — זי לעשט זיך, לעשט זיך —
יתגדל ויתקדש שמה . . .

וואַלדסצענע

א ווינטל האָט ביי נאַכט צעקעמט
די צוויטן אינעם גראָז —
באַנעצט דאָס קעמעלע אין טוי,
געקעמט ווי מיט א באַלז

דאָס אייגענע — די ביימעלעד:
דעם ברעזקעלע צעקעמט
די צעפּעלעד די גאָלדענע,
די טשופּרינע — דעם דעמב

די ברעזע שטייט אין פריער זון —
א ליכטיקע געשטאַלט:
מיט צאַרטע סטענגעס פּערלטוי
די צעפּעלעד באַשטראַלט.

זי שטייט און קוקט צום יונגן דעמב
און הנדלט זיך און צירט —
אין חלום־דאַכט האָט עמעץ אָט ערשט
צו דער חופּה זיי ביידן געפירט . . .

דער יונגער דעמב — ער טרייסלט דורך
דעם קאָפּ קוטשעראַווע האָר:
ביסטו א זיסע כלה —
אויף מיר שוין אזא יאָר! . . .

קומט דער אָוונט

קומט דער אָוונט, ווערט דער שניי
בלויער אַלץ און בלויער.
אויף דער וועלט אַזוי פיל ווי
און אַזוי פיל טרויער.

פון דער הייך אַ שטערן בליצט,
גלעט מיט שטילע שטראַלן.
וויפל קינדער פרירן איצט,
וויפל מענטשן פאַלן . . .

שטערן, שטערן, הער זיך איין,
כ'וויל דיך עפּעס פרעגן:
פאַרבסט דאָך מיט דיין בלויער שיין
אַזוי פיל ווייטע וועגן.

שטערן, שטערן, הויך און ווייט,
קענסט מיר אפשר זאָגן:
וויפל וועט נאָך נעמען צייט,
ביז ס'וועט נעמען טאָגן? . . .

מיט דיין פאַטערלעכער האַנט

איך שטרעק צו דירי אין תפילה מיינע גלידער,
איך פאַל אוועק אין שטויב צו דיינע פיס:
פאַרמאַך דעם שוים פון מיינע לידער,
די טראַכט פון מיין פאַנטאַזיע — פאַרשלים . . .

לאַז נישט פאַלן מער קיין טוי פון שירה
אויף בארגאַראַפּן פון מיין זעל.
טו אָפּ פון די סטרונעס פון מיין לירע
דיין גנאַד — זי פאַלט נישט מער ווי שנייענמעל . . .

און טיליק פון מיין שלאָף די חלום־וויזיע —
זי רייסט די דינע פעדעם פון מיין רו;
זי פאַלט דאַך אָן אויף מיר מיט הייסע שפּיזן,
ווי נאַר איך מאַך די מידע אויגן צו.

די נאַכט איז פול ~~געוויין~~ פון כיסלוו־ווינטן,
דער טאָג רינט־אָפּ ווי פון אַ מעסערבלאַנק.
שלאָג מיין קראַנק געוואָרן אויג מיט בלינדקייט,
שלאָג עס מיט דיין פאַטערלעכער האַנט.

פאַזע שטילער סטעזשקע

פאַזע שטילער סטעזשקע
ליגט דאָס היי אין סטויגן.
אַט געווען אַ טאָג, און —
אַט אַוועקגעפלויגן

פלעסקעט זיך דאָס טייכל
שטילער אַלץ און שטילער —
אין די גראָזן טשירען,
קוים מע הערט, די גרילן.

איינע נאָר, מיין בענקשאַפט,
קען נישט שטילער ווערן,
שפרייט זיך מיט די הימלען,
פינטלט מיט די שטערן.

וואָס די שטערן פינטלען —
ווייסט מען דען, פאַרשטייט מען?
אפשר מיך צו טרייסטן,
וואָס דער טאָג פאַרגייט שוין.

איינער פון די שטערן
וויטעט זיך פאַראומערט:
כ'וועל היינט, אין דיין חלום,
דיך צו רופן קומען.

תוכן

די ליפּן פון מיין טרויער

כ׳בין געוואָרן אַזוי ווי אַ וועוועריק — — — 3
אין דער הייל פון מיין טרויער — — — — — 4
דער פּאַסטעך גייט אום און יאָמערט — — 5
עמעצער האָט זיך מיט מיר געדאַנגלט — — 7
כ׳הייב אויף די הענט צו גאָט — — — — — 8
אין גאָטס אַ הויז — — — — — — — — — 9
איך ריים מיך אָפּ — — — — — — — — — 11
קאָשמאַר — — — — — — — — — — — 12
אַז אַזוי פיל הערצער — — — — — — — — 13
פּחד — — — — — — — — — — — — — 14
אַלטמאָדישע גראַמען — — — — — — — — 16
פון ווען אָן — — — — — — — — — — 17
עד, געטרייער טויער — — — — — — — — 18
פון אַ תחינה — — — — — — — — — — 22
אַ בלימל — — — — — — — — — — — — 24
איך קען מיר קיין רו נישט געפינען — — 29
ער צעהענגט זיינע בילדער אויף פּלויטן — 31
אַליין אין פעלד — — — — — — — — — 34
טרייסט — — — — — — — — — — — — 36
ווינטעלע, וואָס ווייסטו? — — — — — — 37
איך שלאָף מיט אָפענע פענצטער און טירן 39
און גאָרנישט מער? — — — — — — — — 40
זיפּן, פון די סאַמע דינסטע — — — — — 41
אין מיין האַרץ, ווי אין אַ בוים — — — — 43
דער אַלטער בעל־עבירהניק — — — — — — 46
דער מאַמעס אוצר — — — — — — — — — 48
אַ פּריצה האָט איין מאָל געשריבן נאָך מיר 49
איך און מיינע שכנים — — — — — — — 57
זי שמינקט זיך און פּוצט זיך — — — — — 59
די וויסנשאַפט — — — — — — — — — 61
ווייך געשושקע — — — — — — — — — 64

העט ערגעץ

העט ערגעץ — — — — — — — — — — — — 65
אייביק — — — — — — — — — — — — — 66
איצקאַן — — — — — — — — — — — — 67
אַלץ נאָך — — — — — — — — — — — — 71
אין דער שטיל פֿון די פֿאַרנאַכטן — — — — 73
צעווישן די וואָלקנס — — — — — — — — 74
פֿאַר נאַכט — — — — — — — — — — — — 75
זיסקינד האַרליק און דאָס פֿלעשל ווישניק — 76
ליג איך מיך אַנידער — — — — — — — — 85
מזל־טוב אונדז, מזל־טוב! — — — — — — — 87
ווו איז זי איצט ? — — — — — — — — — 87
נישט קיין פֿאָדעם פֿרייד — — — — — — — 90
וואָס זשע טויגן מיר די לידער? — — — — — 91

12 לידער פֿונעם בוך אַ „סטעזשקע“

(מאָנטרעאַל 1940)

אַליין — — — — — — — — — — — — — 92
געטאָ־וויזיע
וואַנזעטי
וואָלט איך זיין אַ פֿאַסטעך
נאַכט, געטרייע מאַמע — — — — — — — — 97
ס'ע טרעפֿט — — — — — — — — — — — 98
ס'איז מיר— — — — — — — — — — — — 99
שבת באַלאָדע — — — — — — — — — — 99
וואַלדסצענע — — — — — — — — — — — 102
קומט דער אָוונט — — — — — — — — — 103
מיט דיין פֿאַטערלעכער האַנט — — — — — — 104
פֿאַ. ע שטילער סטעזשקע — — — — — — — 105

גלאָסאַר

איסאַק — יצחק אבינו

בונאַ סעאַראַ — רומעניש: אַ גוטן אָוונט

הכנסת־אורחים — גאַסט־פריינטשאַפט

~~הפסד־ממון — געלטשאַדן~~

הצלה — ישועה, הילף

ידידים — פריינד

לנוי — פון שיינקייט וועגן

מאָש אַווראַם — אברהם אבינו

מאה־ועשרים — הונדערט צוואַנציק (יאָר)

מיקלט־אָרט — אָרט צו אַנטרינען

מכנים־אורח — גאַסטפריינדלעך

משתין בקיר — הונט

סאַלטאָ מאָרטאַלע — שפרונג אין טויט אַריין

ספירות און צינורות — שטאַפלען און פאַרבינדונגען צווישן די אונטערשטע און אייבערשטע וועלטן — (קבלה־באַגריפן)

סוטשאַוואַ — טייך אין דער בוקעווינע

סתימת־הגולל — דאָס פאַרמאַכן דעם קבר

עולמות־עליונים — העכערע וועלטן

פאָסטאַלעם — פויערישע, וואָלענע שטיוול, וואָליקעס

שיפּוע — באַרג אַראָפּ

שובי נפשי למנוחיכי — קער זיך אום, מיין זעל, צו דיין רואיקייט (תהילים קטו׳ז ׳)

שמאַטערבאָרשט — באָרשט פון בוריקע־בלעטער.

ש״ץ — שליח־ציבור, חזן